בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

## ואתחנן תשב"ז (חלק ב)

**בעיר שעראָן ספּרינגס יע"א**

**נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם**

**אמר הקב"ה לנביאים: אֲנִי וְאַתֶּם נֵלֵךְ לנחם את כנסת ישראל**

• אור החיים הק': תפילות משה רבינו ליכנס לארץ, לא היו על עצמו בלבד, אלא על כל ישראל • ויואל משה: ביאור הגמרא אפילו אם יבא אליהו אין שומעין לו נגד ההלכה • ביאור הלשון: "וְיַשְׁמִיעֵנוּ" בְּרַחֲמָיו שֵׁנִית "לְעֵינֵי" כָּל חַי לֵאמֹר • הַמִּתְפַּתִּים ומאמינים בענינים של שוא, הוא רק מחמת שיש להם "רצון" להאמין כך, מחמת כח היצר והתאוה • ענין "רואים את הנשמע" אין מוכרח להיות בדרך נס, כי באמת יש לכל קול ממשות, אלא לרוב דקותו אינו ניכר לעין • בענין הגאולה אין לעשות שום פעולה בידים רק להרבות בתפילות ותחנונים לבד •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תש"פ לפ"ק



KolSatmar.com

לשון קדשו - קונטרס **קיא** חלק ב

(**19** מינוט מתוך 64) **זייער קלאָר**

★ ★ ★ ★ ★

יצא לאור ע״י

**מערכת לשון קדשו**

מאנטריאל קאנאדא - 1-514-585-3040

---

**צענטראלע נומער:**

**929-522-1515**

ארץ ישראל **072-3275205** קאנאדא **438-797-0770** ענגלאנד **0330-350-3110**

**צו הערן די רעקארדינג:** דרוק **1#**, דערנאך קונטרס נומער **911**

איר קענט אויך לאזן הודעות הערות ותיקונים, און מנדב זיין

מען קען אויך הערן די רעקארדינגס:

ניו יארק **718-298-4641** ארץ ישראל **072-3333419**

ואתחנן תשכ״ו (חלק ב) #←2262←5←16

# • ברכת מזל טוב •

הר״ר **יואל שמילאוויטש** הי״ו - ב״ר משה

לרגל אירוסי בתו הכלה עב״ג החתן **יעקב אליעזר** נ״י

בן הר״ר **יואל בערקאוויטש** הי״ו - ב״ר פנחס יוסף

ברכת רבינו יחול על ראשם, וזכות לימוד תורה דרבים וזכות רביה״ק זי״ע יגן עליהם, שהזיווגים יעלו יפה, ויזכו להעמיד דורות ישרים ומבורכים, ע״ד ישראל סבא, לעטרת תפארת אבותם.

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הרבני החסיד המפואר

הגה בתורה והשתעשע בספרי תלמידי הבעש״ט,

הסתופף בצל רביה״ק זי״ע וזכה לשמש צדיקים

רבי **אברהם** ב״ר נפתלי הירצקא ז״ל

**יאקאבאוויטש**

נפטר י״ג אב תשמ״ט לפ״ק

הרה״ח טוב ומטיב לאחרים, והתאמץ במצות כיבוד אב ואם,

עסק בתורה, צהלתו תמיד בפניו, מעשרה תלמידים

הראשונים של רביה״ק זי״ע בארה״ב, וזכה לשמשו בקודש

רבי **אלעזר** ב״ר יצחק ז״ל

**גאלדבערגער**

נפטר ו׳ אב תשע״א לפ״ק

הרבנית הצדיקת מרת **רויזא בלומא** ע״ה

בת הרה״צ **יודא יחיאל** זצ״ל - אשת הגה״צ ר׳

**מאיר גרינוואלד** זצ״ל, אב״ד טעטש - בטאראנטא

נפטרה ג׳ אב תשע״ב

האברך היקר, בעל מדות טובות וישרות,

עסק בהתמדה בתורה, בצדקה וחסד, ובהכנסת אורחים,

והיה דבוק ברביה״ק זי״ע ובספריו הק׳

מוה״ר **יואל** ז״ל ב״ר ירמי׳ נ״י **קאהן**

נפטר ד׳ אייר תש״פ

האשה החשובה והצנועה אשה יראת ה׳

מרת **רבקה רחל** ב״ר חיים אליהו ז״ל **קאהן**

נפטרה י׳ אב תשע״א לפ״ק

לע״נ הרה״ח ר׳ **משה מנחם** ב״ר יוסף ז״ל - נפטר ער״פ תש״פ

הרה״ח ר׳ **מרדכי משה ספרא** ב״ר יחזקאל **שרגא** ז״ל - נפטר ה׳ ניסן תש״פ

KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים בפרשת ואתחנן

**ו**

**קושיא ב**

ברש״י מפרש הלֵאמֹר, שאמר משה לפני המקום איני מניחך עד שתודיעני אם תעשה שְׁאֵלָתִי אם לאו

**וָאֶתְחַנַּן אֶל ה׳ בָּעֵת הַהִוא ״לֵאמֹר״. זאָגט רש״י, וואָס איז דער ״לֵאמֹר״, ס׳איז איבעריג.** [דבכל מקום כוונת לֵאמֹר שיאמר לאחרים, אבל כאן הלא דיבר משה להקב״ה, ולמי יאמר זאת עוד].

**זאָגט רש״י**[א] **דער ״לֵאמֹר״ איז,** [זה] **אחד מן המקומות** [וואָס] **ער האָט געזאָגט פאַר׳ן בורא כל עולמים, הֲשִׁיבֵנִי**[ב]**, זאָלסט מיר ענטפערן אויב דו ביסט מְמַלֵּא בַּקָּשָׁתִי, צי ניין.**

**ז**

וצ״ב למה רצה לידע זאת תיכף והלא יראה זאת אחר כך, וגם הלא כבר השיב לו על זה שאינו עובר את הירדן

**ב) דאָס ברויך אויך פְּשַׁט,** [דלשון רש״י הוא] **״איני מניחך״,** [דהוא לכאורה לשון תמוה] **צו זאָגן פאַר׳ן בורא כל עולמים איני מניחך, ביז דו וועסט מיר זאָגן אם תְּמַלֵּא** [שְׁאֵלָתִי].

**וואָס הייסט עפּעס** [לומר כך].

**ממה נפשך, ער וועט דאָך זען. ממה נפשך אַז דער אייבירשטער וועט ממלא זיין בקשתו, וועט ער דאָך בלייבן** [בחיים, ויכנס לארץ, ויראה זאת שנתמלא בקשתו].

**ח**

**איבערהויפּט** [קשה ביותר]**, אַז מ׳האָט דאָך אים** [שוין] **געזאָגט** [בפרשת פינחס (כז, יח)] **שאינו עובר את הירדן, מ׳האָט** [אים] **געהייסן איבערגעבן** [די הנהגה] **פאַר יהושע׳ן,** [ואם כן כבר השיב לו על זה שלא נתמלא שאלתו, ומה ביקש עוד להשיב לו על זה].

**ט**

[ועל כל פנים קשה (כבאות ו)] **ער וועט דאָך זען למעשה** [אחר כך, ולמה הפציר כל כך להשיב לו מיד].

**י**

**קושיא ג**

וגם קשה דהיה יכול לראות תיכף בשעת תפילתו אם שגורה תפלתו בפיו
או לאו, דמזה היה יודע אם נתקבלה, וכמו שהיה אצל רבי חנינא בן דוסא

**ג) און דערנאָך, וואָס הייסט עפּעס אֵינִי מַנִּיחֲךָ ביז דו וועסט מיר ׳זאָגן׳** [להדיא. והלא] **ממה נפשך, אַז ער ווערט נענה בתפלתו האָט ער דאָך געזען** [תיכף בשעת תפילתו, וכמו שמצינו אַז] **רבי חנינא בן דוסא האָט געזען אין די תפילות** [אם נתקבלו]**, ער האָט געזען אם שגורה תפלתו בפיו צי ניין**[ג]**,** [ובודאי שמשה רבינו היה בבחינה זו, כי היה לו המדריגות של כל הצדיקים, ולמה ביקש שיאמר זאת הקב״ה בפירוש].

---

[א] ברש״י: **לֵאמֹר. זה אחד משלשה מקומות שאמר משה לפני המקום איני מניחך עד שתודיעני אם תעשה שְׁאֵלָתִי אם לאו.**

[ב] לשון השיבני, הוא מלשון רש״י בפרשת בהעלותך (יב, יג) ופינחס (כז, טו) [שהם השתי מקומות אחרים מן הג׳ מקומות שהזכיר ברש״י כאן].

[ג] כמבואר **במשנה דברכות** (לד:): אמרו עליו על רבי חנינא בן דוסא שהיה מתפלל על החולים ואומר זה חי וזה מת, אמרו לו מנין אתה יודע, אמר להם **אם שגורה תפלתי בפי יודע אני שהוא מקובל, ואם לאו יודע אני שהוא מטורף.** [ועיין עוד שם בברייתא שבגמרא].

KolSatmar.com

**יא**

**קושיא ד**

במדרש למדו מלֵאמֹר דקאי לדורות שיתפללו בעת צרה. וצ"ב דתפלה בעת צרה הוא מצוה דאורייתא לכולי עלמא, הנלמד מפסוק אחר, ולמה צריך כאן הלימוד מלֵאמֹר

**דער מדרש זאָגט אַנדערש** [ווי רש"י, בביאור תיבת "לֵאמֹר"], **אין מדרש רבה[ד]. לֵאמֹר "לדורות", שיהיו 'מתפללין' בעת צרתן.**

**ד) לכאורה דאָ דאַרף מען אויך פְּשַט.**

**יב**

[דהנה] **דאָס זעלבע געפין מיר** [במדרש (בראשית רבה ע, א) בהפסוק] **וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר "לֵאמֹר"** (ויצא כח, כ), [לֵאמֹר] **"לדורות", שיהיו 'נודרין' בעת צרתן.**

[אמנם] **דאָרטן** [לענין "נדר"] **דאַרף מען יאָ אין הכי נמי אַ לימוד** [לדורות], **וואָרן מ'טאָר דאָך נישט קיין נדר[ה] טון 'נאָר' בעת צרתן, דאָרטן לערנט מען זיך אַרויס** [טאַקע] **פון יעקב אבינו'ן** [דבעת צרה מותר לנדור], **דאַרף מען** [א לימוד אַז] **"לֵאמֹר" לדורות[ו].**

**אָבער** [דא לענין] **"תפילה" איז דאָך אַ מצות עשה דאורייתא** [הנלמד ממקום אחר, ואם כן למה צריך כאן יתור לֵאמֹר, ללמוד מזה לדורות שיהיו "מתפללין" בעת צרתם].

**יג**

[ובאמת] **מ'איז מחולק** [בדין מצות תפילה מן התורה], **דער רמב"ם לערנט[ז] אַז תפילה איז מדאורייתא** [להתפלל בכל יום לכל הפחות פעם אחת, באיזה נוסח שיהיה], **און דער רמב"ן קריגט, דער רמב"ן זאָגט[ח] ס'איז נאָר אַ דאורייתא** [להתפלל] **ווען ס'איז אַן "עת צרה".**

---

[ד] **במדרש** (דברים רבה ב, ו) בָּעֵת הַהִיא לֵאמֹר, מהו לֵאמֹר אמר רבי עזריה, לאמר לדורות שיהיו מתפללין בשעת הצרה, שהרי משה אף על פי שנאמר לו (דברים ג, כז) לֹא תַעֲבֹר אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה התחיל מִתְחַנֵּן.

[ה] כמבואר **בגמרא נדרים** (כב.): דתניא רבי נתן אומר הנודר כאילו בנה בָּמָה והמקיימו כאילו מקריב עליו קרבן וכו'. אמר שמואל אף על פי שמקיימו נקרא רשע. אמר רבי אבהו מאי קרא, וְכִי תֶחְדַּל לִנְדֹּר לֹא יִהְיֶה בְךָ חֵטְא (תצא כג, כג), ויליף חדלה חדלה, כתיב הכא כִּי תֶחְדַּל לִנְדֹּר, וכתיב התם (איוב ג, יז) שָׁם רְשָׁעִים חָדְלוּ רֹגֶז. - וכן נפסק להלכה בשלחן ערוך (יו"ד רג, א-ד) עיי"ש באורך. ועיין עוד **בגמרא חולין** (ב.): וכל 'הכל' לכתחלה הוא, אלא מעתה וכו' הכל מעריכין ונערכין נודרין ונידרין (משנה ערכין ב.), הכי נמי דלכתחלה, והא כתיב (תצא כג, כג) וְכִי תֶחְדַּל לִנְדֹּר לֹא יִהְיֶה בְךָ חֵטְא, וכתיב (קהלת ה, ד) טוֹב אֲשֶׁר לֹא תִדֹּר מִשֶּׁתִּדּוֹר וְלֹא תְשַׁלֵּם, ותניא טוב מזה ומזה שאינו נודר כל עיקר, דברי רבי מאיר וכו'.

[ו] כמבואר **בתוספות** בחולין שם (ב: ד"ה אבל): ואם תאמר והא כתיב וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר, וכתיב (יונה ב, י) את אֲשֶׁר נָדַרְתִּי אֲשַׁלֵּמָה. ויש לומר דבשעת צרה שרי, כדאמרינן בבראשית רבה וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר לֵאמֹר, לֵאמֹר לדורות שיהיו נודרים בעת צרה. - וכן נפסק להלכה בשולחן ערוך (יו"ד שם, ה). - ועיין באורך **בדברי יואל** פרשת מטות (עמוד קעו) שמבאר רבינו בכוונת דברי התוספות על דרך שאמר רבינו כאן בקצרה, ומיישב שם בזה קושיית הישמח משה שהקשה גם על הפסוק דוידר יעקב, למה הוצרך "לאמר" לדורות, עיי"ש.

[ז] **ברמב"ם** (תפילה א, א): מצות עשה להתפלל בכל יום, שנאמר (משפטים כג, כה) **וַעֲבַדְתֶּם אֵת ה' אֱלֹקֵיכֶם**, מפי השמועה למדו שעבודה זו היא תפילה, שנאמר (עקב יא, יג) **וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם**, אמרו חכמים (תענית ב.) איזו היא עבודה שבלב, זו תפלה. ואין מִנְיַן התפלות מן התורה. ואין מִשְׁנֶה התפלה הזאת מן התורה. ואין לתפלה זְמַן קבוע מן התורה. - **ובספר המצות להרמב"ם** (מצות עשה ה): מצוה ה' היא שצונו לעבדו, וכבר נכפל ציווי זה פעמים, באמרו **וַעֲבַדְתֶּם אֵת ה' אֱלֹקֵיכֶם**, ואמר (דברים יג, ה) **וְאֹתוֹ תַעֲבֹדוּ**, ואמר (שם ו, יג) **וְאֹתוֹ תַעֲבֹד**, ואמר (שם יא, יג) **וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם**. ואף על פי שזה הציווי הוא גם כן מהציוויים הכוללים כמו שביארנו בשורש ד', הנה יש בו יחוד שהוא צוה בתפלה. ולשון **ספרי** (עקב, פיסקא ה) **וּלְעָבְדוֹ** זו תפילה, ואמרו גם כן **וּלְעָבְדוֹ** זה תלמוד. ובמשנתו של רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי אמרו, מנין לעיקר תפלה בתוך המצות, מהכא (שם ו, יג) **אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ תִּירָא וְאֹתוֹ תַעֲבֹד**, ואמרו (ספרי ראה, פיסקא לג) עבדוהו בתורתו ועבדוהו במקדשו, כלומר ללכת שם להתפלל בו ונגדו, כמו שביאר שלמה ע"ה (מלכים א' ח, כג).

[ח] **בהשגות הרמב"ן** על ספר המצות להרמב"ם (שם) כתב עליו וז"ל: כל אלה דברי הרב, ואין הסכמה בזה, שכבר ביארו החכמים בגמרא תפילה דרבנן, כמו שאמרו בשלישי של ברכות (כא.) וכו'. וכבר ראינו לו **בהלכות תפלה**

KolSatmar.com

אָבער [על כל פנים] אין אַן ״עת צרה״ איז [דאָך] **הכל מודים** אַז ס׳איז אַן **עשה דאורייתא** מ׳זאָל מתפלל זיין צו השי״ת, [ואם כן אינו מובן] וואָס דאַרף איך עס זאָגן **וָאֶתְחַנַּן אֶל ה׳ ״לֵאמֹר״** [לדורות], מ׳זאָל זיך פון דעם לערנען [לדורות שיהיו מתפללין ״בעת צרתן״]. ס׳איז דאָך דאָ אַ ציווי דערויף, ס׳איז דאָ אַ ציווי, אַ מצות עשה אויף דעם, אַז [על כל פנים] ביי אַן ״עת צרה״ דאַרף מען די ״תפילה״.

**כז**

# קושיות ודיוקים בהפטורת נַחֲמוּ

**קושיא טו**

במדרש ילקוט: ״נחמו נחמו״, נחמות חיים ומתים, עליונים ותחתונים, עולם הזה ועולם הבא. וצ״ב הכוונה

**לאָמיר זען. די וואָכעדיגע סדרה איז דאָך דער שבת נחמו.**

[ומפטירין בדברי הנביא ישעי׳ (מ, א)] **נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם.**

**טו)** שטייט אין **מדרש ילקוט**[ט], [על כפל הלשון נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי], **נֶחָמוֹת חַיִּים, נֶחָמוֹת מֵתִים. נֶחָמוֹת עֶלְיוֹנִים, נֶחָמוֹת תַּחְתּוֹנִים. נֶחָמוֹת עוֹלָם הַזֶּה, נֶחָמוֹת עוֹלָם הַבָּא.**

אַזוי שטייט אין מדרש ילקוט, רעכנט ער אויס די אַלע נחמות. [וצריך ביאור להבין הכוונה בזה].

**כח**

**הקדמה לקושיא טז-יט**

עוד במדרש ילקוט: לעתיד ישלח הקב״ה עשרה נביאים, עם האבות הקדושים ומשה רבינו, לְנַחֵם את ישראל. ומכולם לא יקבלו תנחומין ולא ירצו להאמין, כי ישאלו קשיא על כל אחד. ויחזרו כולם להקב״ה ויאמרו שישראל אינם רוצים לקבל תנחומין, ואז יאמר הקב״ה ״אני ואתם נלך״ ביחד לנחם את ישראל, ואז יהיו מתנחמין

**נאָר אַ דְבַר פֶּלֶא וְהַפְלֵא שטייט דאָ אינעם מדרש חכמינו ז״ל**[י]. ווי דער **חיד״א** איז דאָס מעתיק ׳די וואָך׳ אין **ראש דוד**, ער איז מעתיק באריכות דער גאַנצער לשון פונעם מדרש.

---

שאמר שחייב אדם מן התורה בתפלה בכל יום אלא שאין מִנְיַן התפלות ולא מִשְׁנֶה התפלה מן התורה. וכך כתב בזה המאמר במצוה עשירית, שזמני התפלה אינם מן התורה, אבל חובת התפלה עצמה מן התורה. וגם זה איננו נכון בעיני וכו׳. אלא ודאי כל ענין התפלה אינו חובה כלל, אבל הוא ממדת חסד הבורא יתברך עלינו ששומע ועונה בכל קראנו אליו. ועיקר הכתוב **וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם**, מצות עשה שתהיה כל עבודתנו לָקֵל יתעלה בכל לבבנו, כלומר בכוונה רצויה שלימה לשמו, וּבְאֵין הרהור רע, לא שנעשה המצות בלא כוונה, או על הספק אולי יש בהם תועלת, כענין וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאֹדֶךָ (ואתחנן ו, ה), שהמצוה היא לאהוב את ה׳ בכל לב ולב, ושנסתכן באהבתו בנפשנו ובממוננו. ומה שדרשו **בספרי** וּלְעָבְדוֹ זה התלמוד, דבר אחר זו תפלה, אסמכתא היא. או לומר שמכלל העבודה שנלמוד תורתו, **ושנתפלל אליו ״בעת הצרות״, ותהיינה עינינו ולבנו אליו כעיני עבדים אל יד אדוניהם**, וכענין שכתוב (בהעלותך י, ט) וְכִי תָבֹאוּ מִלְחָמָה בְּאַרְצְכֶם עַל הַצַּר הַצֹּרֵר אֶתְכֶם וַהֲרֵעֹתֶם בַּחֲצֹצְרֹת וְנִזְכַּרְתֶּם לִפְנֵי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם, **והיא מצוה על כל צרה וצרה שתבא על הציבור, לצעוק לפניו בתפלה ובתרועה**, והוא הענין שבאר שלמה ע״ה וכו׳.

אבל מפני שצוה אותנו בפסוק בְּכָל לְבַבְכֶם בענין חדש, להיות כל לבבנו מיוחד אליו בענין עשיית המצות כאשר פירשתי, יתכן שתבא המצוה הזאת בחשבון רמ״ח מצות עשה וכו׳. ואם אולי יהיה מדרשם בתפלה עיקר מן התורה, נמנה אותו במנינו של הרב, ונאמר שהיא מצוה ״לעת הצרות״, שנאמין שהוא יתעלה שומע תפלה, והוא המציל מן הצרות בתפילה וזעקה, והבן זה.

[ובביאור שיטת הרמב״ן בזה, עיין באורך בדברי רבינו **בשו״ת דברי יואל** (סימן קלט, ד״ה עוד נראה בזה)].

[ט] **בילקוט שמעוני על ישעי׳** (רמז תמה).- [והנה בהמדרש שלפנינו כתיב ״נחמוה״ חיים, וכן בכולם. אמנם בספר נצח ישראל למהר״ל (פרק נו) מביא הנוסח ״נחמות״ חיים, וכן בכולם].

[י] **בילקוט שמעוני שם** (רמז תמג): **נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי, אמר הקב״ה למי צריך לנחם וכו׳, נַחֲמוּנִי נַחֲמוּנִי עמי וכו׳. אף על פי כן לכו ופייסו את ״כנסת ישראל״.**

KolSatmar.com

[דאיתא שם]: **לעתיד** וועט דער בורא כל עולמים שיקן **הוֹשֵׁעַ הַנָּבִיא**, ער זאָל גיין מְנַחֵם זיין אידן. [און] הושע הנביא וועט קומען צו אידן, [ויאמר] **הקדוש ברוך הוא שלחני**, הקב״ה האָט מיך געשיקט איך זאָל ענק מנחם זיין.

ווען אידן ענטפערן וואָס ווען וועסטו זאָגן, [ויאמר] **אֶהְיֶה כַטַּל לְיִשְׂרָאֵל** (הושע יד, ו). זאָגט מען אים, דערפריער האָסטו דאָך געזאָגט [דברי תוכחות ועונשים], – ברענגט ער דאָרט אַנדערע נבואות וואָס ער האָט געזאָגט נבואות׳ן, אין הושע טרעפט מען דאָך וואָס ער האָט געזאָגט דעמאָלטס נבואות חלילה אויף די עונשים. –

---

מיד מתכנסין כל הנביאים והולכים אצלה, והיא אומרת להם אֵיךְ תְּנַחֲמוּנִי הָבֶל וּתְשׁוּבֹתֵיכֶם נִשְׁאַר מָעַל (איוב כא, לד), אמר רבי אבא בר כהנא, [שהיא אומרת להם] דבריכם צריכים מירוק, עד עכשיו אזני מלאות מן התוכחות שהוכחתם אותי, ועכשיו אתם באים לנחמני?

הלך **הושע** לְנַחֲמָהּ, אמר לה **הקדוש ברוך הוא שְׁלָחַנִי אצלך לְנַחֲמֵךְ**. אמרה לו מה בידך? אמר לה אֶהְיֶה כַטַּל לְיִשְׂרָאֵל (הושע יד, ו). אמרה, אתמול אמרת לי (שם ט, טז) הֻכָּה אֶפְרַיִם שָׁרְשָׁם יָבֵשׁ פְּרִי בַל יַעֲשׂוּן, ועתה אתה אומר לי כך? לאיזה נאמין, לראשונה או לשניה?

הלך **יואל** לְנַחֲמָהּ וכו׳, אמר לה וְהָיָה בַיּוֹם הַהוּא יִטְּפוּ הֶהָרִים עָסִיס (יואל ד, יח), אמרה לו אתמול אמרת (שם א, ה) הָקִיצוּ שִׁכּוֹרִים וּבְכוּ וְהֵילִלוּ כָּל שֹׁתֵי יָיִן עַל עָסִיס כִּי נִכְרַת מִפִּיכֶם.

הלך **עמוס** לְנַחֲמָהּ וכו׳, אמר לה בַּיּוֹם הַהוּא אָקִים אֶת סֻכַּת דָּוִיד הַנֹּפֶלֶת (עמוס ט, יא), אמרה לו, אתמול אמרת לי (שם ה, ב) נָפְלָה לֹא תוֹסִיף קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל.

הלך **מיכה** לְנַחֲמָהּ וכו׳, אמר לה מִי אֵל כָּמוֹךָ נֹשֵׂא עָוֹן וְעֹבֵר עַל פֶּשַׁע (מיכה ז, יח), אמרה לו, אתמול אמרת לי (שם א, ה) בְּפֶשַׁע יַעֲקֹב כָּל זֹאת וּבְחַטֹּאות בֵּית יִשְׂרָאֵל וכו׳.

הלך **נחום** לְנַחֲמָהּ וכו׳, אמר לה כִּי לֹא יוֹסִיף עוֹד לעבור בָּךְ בְּלִיַּעַל (נחום ב, א), אמרה לו אתמול אמרת לי מִמֵּךְ יָצָא חֹשֵׁב עַל ה׳ רָעָה יֹעֵץ בְּלִיָּעַל (נחום א, יא) וכו׳.

הלך **חבקוק** לְנַחֲמָהּ וכו׳, אמר לה יָצָאתָ לְיֵשַׁע עַמֶּךָ לְיֵשַׁע אֶת מְשִׁיחֶךָ (חבקוק ג, יג), אמרה לו אתמול אמרת ה׳ שִׁוַּעְתִּי וְלֹא תִשְׁמָע אֶזְעַק אֵלֶיךָ חָמָס וְלֹא תוֹשִׁיעַ (חבקוק א, ב) וכו׳.

הלך **צפניה** לְנַחֲמָהּ וכו׳, אמר לה בָּעֵת הַהִיא אֲחַפֵּשׂ אֶת יְרוּשָׁלַיִם בַּנֵּרוֹת (צפניה א, יב), אמרה לו אתמול אמרת לי יוֹם חֹשֶׁךְ וַאֲפֵלָה (צפניה א, טו) וכו׳.

הלך **חגי** לְנַחֲמָהּ וכו׳, אמר לה הַעוֹד הַזֶּרַע בַּמְּגוּרָה וְעַד הַגֶּפֶן וְהַתְּאֵנָה וְהָרִמּוֹן וְעֵץ הַזַּיִת לֹא נָשָׂא מִן הַיּוֹם הַזֶּה אֲבָרֵךְ (חגי ב, יט), אמרה לו אתמול אמרת לי זְרַעְתֶּם הַרְבֵּה וְהָבֵא מְעָט (חגי א, ו) וכו׳.

הלך **זכריה** לְנַחֲמָהּ וכו׳, אמר לה וְקֶצֶף גָּדוֹל אֲנִי קֹצֵף עַל הַגּוֹיִם (זכריה א, טו), אמרה לו אתמול אמרת לי קָצַף ה׳ עַל אֲבוֹתֵיכֶם קָצֶף (זכריה א, ב) וכו׳.

הלך **מלאכי** לְנַחֲמָהּ וכו׳, אמר לה וְאִשְּׁרוּ אֶתְכֶם כָּל הַגּוֹיִם כִּי תִהְיוּ אַתֶּם אֶרֶץ חֵפֶץ (מלאכי ג, יב), אמרה לו אתמול אמרת אֵין לִי חֵפֶץ בָּכֶם (מלאכי א, י) וכו׳.

אמר לו הקב״ה **לאברהם** לֵךְ נַחֵם את ירושלים וכו׳, הלך אברהם ואמר לה קבלי ממני תנחומין, אמרה לו היאך אקבל ממך תנחומין, שעשיתני כהר, שנאמר בְּהַר ה׳ יֵרָאֶה (בראשית כב, יד).

הלך **יצחק** וכו׳, שיצא ממך עשו הרשע שעשאני שדה ובניו שרפוני באש.

הלך **יעקב** וכו׳ וכו׳, שֶׁשַּׂמְתַּנִי כְּלֹא הייתי, אֵין זֶה כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים (בראשית כח, יז).

הלך **משה** וכו׳, שכתבת עלי קללות וגזירות קשות, שנאמר מְזֵי רָעָב וּלְחֻמֵי רֶשֶׁף (דברים לב, כד).

מיד הולכים כולם לפני **הקב״ה** ואומרים **רבונו של עולם** אינה **מקבלת ממנו תנחומין** שנאמר (ישעי׳ נד, יא) עֲנִיָּה סֹעֲרָה לֹא נֻחָמָה.

אמר להם הקב״ה **״אני ואתם נלך״ וננחמנה**, הוי נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי, נחמוה נחמוה עמי, אין ראוי לילך אלא אני בעצמי וכו׳, כתבתי בתורתי (משפטים כב, ה) שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם הַמַּבְעִר אֶת הַבְּעֵרָה, ואני הִצַּתִּיָה באש שנאמר (איכה א, יג) מִמָּרוֹם שָׁלַח אֵשׁ וגו׳, ואני עתיד לבנותה שנאמר (זכרי׳ ב, ט) וַאֲנִי אֶהְיֶה לָּהּ נְאֻם ה׳ חוֹמַת אֵשׁ סָבִיב וגו׳.

מיד ילך הקב״ה אצלה ויאמר, בתי כל כעס זה למה. אומרת לפניו, רבונו של עולם ולא בדין אכעוס, שהגליתני בין האומות וקללתני קללות רעות ולקיתי עד שנעשו פני כשולי הקדירה, ובכל זאת קדשתי את שמך הגדול. אומר לה הקב״ה, כנגד זכיות שעשית, חובות עליך, שעברת על מה שכתוב בתורה וכו׳. אמר לה בתי הגיע זמנך להגאל, מיד אומרת לפניו רבונו של עולם איני מתנחמת עד שתראנו באותן הרשעים שצערוני וחרפו את שמך, מיד אמר לה, בתי חייך אני מביא אותם ונפרע מהם בפניך, עד שאוכלים את בשרם, שנאמר (ישעי׳ מט, כו) וְהַאֲכַלְתִּי אֶת מוֹנַיִךְ אֶת בְּשָׂרָם וְכֶעָסִיס דָּמָם יִשְׁכָּרוּן וְיָדְעוּ כָל בָּשָׂר כִּי אֲנִי ה׳ מוֹשִׁיעֵךְ וְגֹאֲלֵךְ אֲבִיר יַעֲקֹב. מיד אומרת (שיר השירים ח, א) מִי יִתֶּנְךָ כְּאָח לִי וכו׳, כיוסף לאחיו, אתה מוצא אחר כל הרעות שעשו לו, כתיב (ויחי נ, כא) וְעַתָּה אַל תִּירָאוּ אָנֹכִי אֲכַלְכֵּל אֶתְכֶם וְאֶת טַפְּכֶם וַיְנַחֵם אוֹתָם וַיְדַבֵּר עַל לִבָּם, והלא דברים קל וחומר, ומה אם יוסף שדבר לאחיו דברים טובים דברי ניחומין, כשבא הקב״ה לנחם את ירושלים על אחת כמה וכמה.

KolSatmar.com

נעכטן - פריער - האָסטו ׳אַזוי׳ געזאָגט [דברי תוכחות, און] היצט זאָגסטו ׳אַזוי׳ [דברי נחמות], וועלעכע זאָל מיר דיר גלייבן, אונז זעמיר נישט מקבל, מ׳גלייבט נישט.

**כט**

דערנאָך וועט דער בורא כל עולמים שיקן נאָך אַנדערע נביאים, אַן אַנדערן נביא, מיט אַן אַנדערן [נחמה], אויך מיט אַ פסוק. וועלן זיי אים אויך פרעגן אַ קשיא, פריער האָסטו געזאָגט ׳אַזוי׳ און היצט זאָגסטו ׳אַזוי׳, מ׳גלייב מיר ווייטער נישט, מ׳איז נישט מקבל קיין תנחומין.

און דער מדרש רעכנט אויס **צען נביאים** [הושע, יואל, עמוס, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה, מלאכי], עשרה נביאים וואָס דער בורא כל עולמים וועט אַלץ שיקן, און אידן וועלן נישט גלייבן.

**ל**

און דערנאָך וועט זיין, וועט דער בורא כל עולמים שיקן **אברהם אבינו**. אברהם אבינו וועט קומען [לנחם את ישראל].

וועלן זאָגן אידן, נעכטן האָסטו געזאָגט (וירא כב, יד) בְּהַר ה׳ יֵרָאֶה, [והכוונה] האָסט עס גערופן ״הַר״ [על שם] חורבנה[יא], - און היינט זאָגסטו מיר ׳נחמות׳. מ׳נעם מיר נישט אָן [התנחומין].

וועט מען שיקן **יצחק**. וועלן זיי ווייטער ענטפערן אידן, דו האָסט דאָך געבערנגט ״אַן עֵשָׂו״ וואָס ער האָט אונז אַזויפיל מצער געווען, מ׳נעם מיר נישט אָן [התנחומין].

וועט מען שיקן **יעקב אבינו**. וועלן זיי אויך עפּעס טרעפן, אויכעט זיך טרעפן אויף אַ קשיא, ער ברענגט דאָרטן עפּעס אַ פסוק [וואָס] ער האָט געזאָגט, [אֵין זֶה כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים].

וועט דער באַשעפער שיקן **משה רבינו**. וועט מען אים ענטפערן, דו האָסט געזאָגט (האזינו לב, כד) מְזֵי רָעָב וּלְחֻמֵי רֶשֶׁף. פון אים איז מען אויך נישט מקבל.

**לא**

וועלן זיי צוריק גיין ׳אַלע׳ [נביאים] **צום ״בורא כל עולמים״**, [ויאמרו אליו כי בני ישראל] זיי ווילן נישט הערן די נֶחָמָה, זיי זענען נישט מקבל [תנחומין] **פון אונז**.

האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט **אֲנִי וְאַתֶּם נֵלֵךְ**, איך וועל מיט ענק מיטגיין, דער בורא כל עולמים וועט מיטקומען, [ועל זה נאמר] **נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר ״אֱלֹקֵיכֶם״**[יב], דער בורא כל עולמים וועט מיטגיין מיט זיי [לנחם את ישראל].

אַזוי שטייט אין **מדרש**.

**לב**

דער **חיד״א** אין **ראש דוד** (בפרשתן, ד״ה ובילקוט) איז מעתיק דעם גאַנצן מדרש, ער

---

[יא] כמבואר בבראשית רבה (וירא נו, י): **וַיִּקְרָא אַבְרָהָם שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא ה׳ יִרְאֶה** [אֲשֶׁר יֵאָמֵר הַיּוֹם בְּהַר ה׳ יֵרָאֶה]. ... מלמד שהראה לו הקב״ה בית המקדש חרב ובנוי, חרב ובנוי, שנאמר **שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא ה׳ יִרְאֶה**, הרי בנוי, היך מה דאת אמר (משפטים כג, יז) **שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה יֵרָאֶה. אֲשֶׁר יֵאָמֵר הַיּוֹם ׳בְּהַר׳ ה׳**, הרי חרב, שנאמר (איכה ה, יח) **עַל ׳הַר׳ צִיּוֹן שֶׁשָּׁמֵם. ה׳ יֵרָאֶה**, בנוי ומשוכלל לעתיד כענין שנאמר (תהלים קב, יז) **כִּי בָנָה ה׳ צִיּוֹן נִרְאָה בִּכְבוֹדוֹ.**

[יב] ועיין בזה בדברי רבינו לקמן אות קסג-קסו.

KolSatmar.com

זאָגט [דאָרט] אַלץ אַ 'דרוש' אויף יעדן [נביא] עקסטער, [ער] פאַרענטפערט די סתירות וואָס זיי האָבן געפרעגט, און ער זאָגט עפּעס אַ פְּשָׁט אַז [דעסטוועגן פאַר] 'זיי' וועט 'דאָך' קשה זיין, זיי וועלן נישט מקבל זיין. ס'איז דאָ אַ גאַנץ אריכות [על זה בראש דוד].

ער ברענגט דאָך אויך (שם, ד"ה והעיני) אַז דער **אברבנאל** (על ישעי' מ, א) **שמועסט** דערפון. [נאָר] איך האָב עס נישט געזען אינעווייניג [בהאברבנאל].

## לג
### קושיא טז

וקשה דהלא לעתיד יהיו כולם צדיקים, וא"כ האיך יתכן שלא יאמינו בדברי הנביאים ובדברי האבות הקדושים ומשה רבינו, והלא מעיקרי האמונה הוא להאמין בדברי הנביאים, וכ"ש בדברי משה רבינו, והעובר על דברי הנביא חייב מיתה

**טז) נאָר דער אמת, נאָר לפי פשוטו איז דאָך עס עפּעס אַן ענין הַפְּלֵא וָפֶלֶא.**

**דאָס גייט דאָך אַרויף אויף לעתיד,** [און דעמאָלטס] **וועלן דאָך אידן זיין לעולם כּוּלָּם צַדִּיקִים** (ישעי' ס, כא), **ס'וועט נישט זיין קיין רשעים, אַזוי ווי תוספות זאָגט אין יומא**[יג], **נאָך ביאת המשיח וועט נישט זיין קיין רשע צווישן אידן.**

[שהרי] **אַלע אידן וועלן דאָך תשובה טון פריער,** [וכמו שכתב הרמב"ם (תשובה ז, ה) דכבר הובטחו על התשובה [שנאמר] (נצבים ל, ב) **וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ וְשָׁמַעְתָּ בְּקֹלוֹ**[יד]. **ס'קומט דאָך אליהו גאָר פריער** [בכדי להחזיר את ישראל בתשובה].

**נו וויאַזוי וועט מען עפּעס ענטפערן פאַר נביאי ה'** [שיבואו ויאמרו] **דער אייבירשטער האָט אונז געשיקט** [לנחם אתכם], **וועט מען זאָגן מ'גלייבט ענק נישט? פאַר די אבות הקדושים, פאַר משה רבינו, וועט מען זאָגן איך גלייב נישט? און זיי וועלן פרעגן קשיות דו האָסט אַזוי געשריבן אין די תורה?!**

[והלא] **אַז מ'איז עובר על דברי הנביא,** [אָדער] **אַז מ'פרעגט** [על דבריו], **איז מען דאָך חייב מיתה** (סנהדרין פט.), [אַזוי] **שטייט דאָך אין פסוק בפירוש** (דברים יח, יט) **וְהָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא יִשְׁמַע אֶל דְּבָרַי** [אֲשֶׁר יְדַבֵּר בִּשְׁמִי אָנֹכִי אֶדְרֹשׁ מֵעִמּוֹ].

**אַז מ'איז נישט שומע געווען לקול הנביא, שטייט** (מלכים ב' ז, יז) **וַיִּרְמְסֻהוּ** [הָעָם] **בַּשַּׁעַר וַיָּמֹת, ווייל ער** [השר אשר למלך] **האָט געפרעגט אַ קשיא** [על דברי אלישע הנביא, הִנֵּה ה' עֹשֶׂה] **אֲרֻבּוֹת בַּשָּׁמַיִם הֲיִהְיֶה הַדָּבָר הַזֶּה** (שם, ב), **ער האָט געפרעגט אַ קשיא אויף אַ נביא** [ולא האמין בו, לפיכך נענש ומת] (עיין סנהדרין צ.).

[ומה גם] **פאַר משה רבינו'ן וועט מען זאָגן?, וועט מען פרעגן קשיות** [אויף] **משה רבינו'ן? איז מען דאָך לגמרי** [ככופר בתורת משה, ואם כן] **ווי קען דאָס זיין?**

**ווי קען דאָס זיין?**

---

[יג] **בתוספות יומא** (דף יג. ד"ה הלכה כר' יוסי) **הביאו סברת רבינו חיים כהן, דלא פריך בגמרא "וכי הלכתא למשיחא"** (והיינו דכללא אית לן דאין פוסקין "הלכה" כמי, בענין הנוגע רק לימות המשיח), **אלא היכא דאיכא תרתי, דהוא הלכתא למשיחא, וגם דבר שיש בו עבירה, עיי"ש.**

**ובתוספות ישנים** (שם) **ביארו הענין יותר וז"ל: דלא שייך למיפרך הלכתא למשיחא אלא היכא שיש עבירה בדבר וכו', שהרי זה הדבר אין רגיל להיות** [כלל], **שאינו צריך עד ימות המשיח, וגם אז לא יהיה הדבר, שיהיו "כולם צדיקים".**

**וכן בתוספות זבחים** (מה.) **כתבו וז"ל: וה"ר חיים מפרש דלא פריך הלכתא למשיחא אלא היכא דאיכא תרתי, שהוא למשיחא וגם עושה איסור,** [דהיכא] **דליכא נפקותא בהלכתא אלא על ידי איסור, לא שייך לפסוק למשיחא.**

[יד] עיין גם לקמן ריש אות קפה.

KolSatmar.com

**חלילה אַז מ'איז נאָר 'מהרהר' אויף משה רבינו, איז דאָך אויך נישט** [לבו שלם בי"ג עיקרי אמונה, וכ"ש אם אומרים כן בפה], **ווי קאָן מען עפּעס 'ענטפערן'** [אזוי], **ווי קען דאָס זיין אַז מ'וועט נישט גלייבן,** [ווייל] **מ'וועט נישט ענטפערן** [לתרץ שאלתם][טו].

### לד
### קושיא יז

גם קשה למה לא יאמרו להם כל אלו הנביאים שום תירוץ על הקושיות והסתירות שיהיו מקשין להם, והלא בודאי יש לכל זה תירוץ, ובפרט לעתיד שיתגלו כל הצפונות

**יז) און דערנאָך** [קשה], **מ'קאָן נישט ענטפערן קיין תירוצים אויף די קשיות? איז דען נישטאָ תירוצים.**

**ער אַליין** [החיד"א] **זאָגט דאָך אויך תירוצים. טאַקע דער אמת איז דאָך, אין אמת איז דאָך עס 'מתורץ'.**

[און] **ס'שטייט דאָך אַ כלל אַז לעתיד וועט דאָך נתגלה ווערן טעמי התורה אפילו וואָס מ'ווייסט נישט, און אפילו וואָס מ'פאַרשטייט נישט** [בזמן הזה]**. דְּבָרִים הַמְּכוּסִּין מִכֶּם** [בָּעוֹלָם הַזֶּה] **יִהְיוּ צוֹפִים לְעָתִיד לָבוֹא, זאָגט דאָך דאָרטן** [בפרשת חקת] **אַרויס דער מדרש** (רבה יט, ו).

[והאיך יתכן] **זיי וועלן בלייבן ביי די קשיא? זיי** [הנביאים] **וועלן אַלע אַוועקגיין אָפּגעפרעגט, ביז דער בורא כל עולמים אַליין וועט נישט קומען** [לנחם אותם]?

### לה
### קושיא יח

גם צ"ב, למה לבסוף יאמר הקב"ה אני "ואתם" נלך, ולא יבא אליהם הקב"ה בלבדו

**יח)** [און] **אויב אַזוי אַז דער בורא כל עולמים וועט קומען, וואָס דאַרף ער מיטקומען מיט "זיי",** [עם הנביאים]**. אַז דער בורא כל עולמים וועט קומען, וועט ער קומען מיט "זיי"?** [וכדברי המדרש] **אני "ואתם" נלך.**

### לו

**דאָס גאַנצע איז דאָך עפּעס אַן ענין** [תמוה]**, ס'איז דאָך עפּעס הַפְּלֵא וָפֶלֶא לכאורה, ס'האָט עפּעס גאָרנישט קיין שום פֵּירוּשׁ.**

**מילא טאַקע אמת, מילא ס'איז אַלעס ליגט** [דערין] **עִנְיָנִים נִשְׂגָּבִים** [וסודות נפלאים]**, אָבער אַ 'שטיקל פֵּירוּשׁ' מוז דאָך עס האָבן** [עד מקום שאנו מסוגלים להבין 'פשוטן' של דברים (על הגאולה ועה"ת סימן סד)].

### לז
### קושיא יט

ועוד קשה דהלא קמי שמיא גליא שלבסוף לא יקבלו ישראל תנחומין, ואם כן למה מתחילה לא ילך הוא בעצמו לנחמם. ומה לו להטריח לארבעה עשר נביאים ואבות הק', לילך תחלה לנחם את ישראל, דלכאורה לא יצא מזה שום תועלת

**יט) און דערנאָך,** [הלא] **קַמֵּי שְׁמַיָּא גַּלְיָא, דער בורא כל עולמים ווייסט דאָך וואָס מ'איז מקבל, צי נישט. פלוצלינג דאַרף מען** [להטריח תחילה כמה נביאים]? **פערצן**

---

[טו] ועוד שהרי ישראל שבכל הדורות רואים ויודעים אלו פסוקי תוכחה, שכולם נמצאים בתורה ובנביאים, ואעפ"כ עומדים באמונתם חיים וקיימים, ומאמינים בבשורת הנחמה. ואיך אפשר שבדור הגאולה שיהיו כולם צדיקים, לא יאמינו מכח קושיא זו שיהיה נראה כסתירה בעיניהם פסוקי התוכחה לפסוקי נחמה, והוא פלאי. (על הגאולה ועה"ת סימן סד).

KolSatmar.com

**שלוחים דאַרף ער שיקן, צען נביאים, און די אבות הקדושים, און משה רבינו?**

דער בורא כל עולמים האָט דאָך געוואוסט, ס'איז דאָך גלוי וידוע לפניו, דער אייבירשטער ווייסט [שלא יקבלו מהם תנחומין. נו] אַז מ'וועט נישט מקבל זיין, וואָס האָט מען געדאַרפט שיקן אַזויפיל שלוחים, מטריח זיין אַזויפיל הייליגע נביאים, און אידן זאָלן אַלץ ענטפערן מ'איז נישט מקבל. דער בורא כל עולמים האָט [דאָך מעיקרא דאָס] געוואוסט.

אַז דער בורא כל עולמים האָט דאָך דאָס געוואוסט אַלעס, און דער בורא כל עולמים האָט דאָך געוואָלט גיין [לנחמם בעצמו], ס'איז געווען אַן עֵת [רָצוֹן], - [היינו] ס'וועט דאָך זיין אַן עֵת רָצוֹן, - האָט דער בורא כל עולמים געקאָנט גלייך [גיין אַליין], האָט מען 'דאָס' געקאָנט טון [מתחילה], מיטגיין מיט זיי דער בורא כל עולמים צו אידן און מנחם זיין, אַזוי ווי ס'איז געווען [דער סוף, היינו] אַזוי ווי ס'וועט זיין [טאַקע לבסוף], אַזוי ווי דער פסוק זאָגט [יֹאמַר "אֱלֹקֵיכֶם"].

**לח**

[על כל פנים] דאָס גאַנצע ענין ברויך האָבן אַ שטיקעלע הסבר, על כל פנים לְפִי קָט שִׂכְלֵנוּ[טז], לְפִי פְּשׁוּטָן שֶׁל דְּבָרִים, עפּעס אַ שטיקל הֶסְבֵּר ברויך עס דעך 'דאָך' אָבער האָבן.

**לט**

# הקדמה לישוב הקושיות בתחלת הפרשה

(עד אחר אות פה)

נאָר אָבער, איידער איך וועל צוקומען צו דעם, רעדן [בביאור המדרש ילקוט בפסוק נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי], וועל איך צוריקגיין צום פריערדיגן [ליישב חלק מהקושיות בפסוק] **וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'**, צו די בקשה פון משה רבינו'ן וואָס ער האָט דאָ געבעטן.

**מ**

**הקדמה לישוב קושיא ב- ד**

**באור החיים הק'**: התפילות של משה רבינו לא היו על עצמו בלבד, אלא על כל ישראל

ער דער **אור החיים הקדוש** זאָגט[יז], ער האָט נישט נאָר אויף זיך אַליין געבעטן, ער האָט געבעטן אויפן גאַנצן **כלל ישראל** זיי זאָלן גיין קיין ארץ ישראל, פאַר'ן

---

[טז] "קָט" פירושו קטן מאוד. והוא מלשון הפסוק (יחזקאל טז, מז) עָשִׂית כִּמְעַט קָט, ומפרש המצודת ציון, קָט הוא מלשון קֹטֶן ונפלה הנו"ן. ועם שאמר כִּמְעַט, אמר קָט, לְמַעֵט יותר.

[יז] **באור החיים הק'** (ג, כג): פירוש אומרו "בָּעֵת הַהִיא", הוא זמן שנשבע ה' על דור המדבר שלא יראו את הארץ וכו' וְכָלְלוֹ למשה בכלל שבועת הגזירה, כמו שאמר (דברים א, לז) גַּם בִּי הִתְאַנַּף ה' בִּגְלַלְכֶם. בָּעֵת הַהִיא התחנן לה' לבטל גזירתו ולהתיר השבועה וכו'.

וטעם המאמר הוא להודיעם לבל יחשדהו שלא התפלל אלא על עצמו, לבטל גזירתו, ולא חש לדורו והעלים עין ממנו ותם כל הדור ההוא, לזה אמר בָּעֵת הַהִיא, פירוש קודם שנתקיימה הגזירה התחנן לה'.

והגם שבתחילתו לא מצינו שלא הזכיר אלא על עצמו ולא עִמּוֹ, אף על פי כן כונתו היתה בחכמה, שהתפלל על עצמו להתיר שבועה שעליו, ואחר כך יאמר לפניו לבטל גם על ישראל, ויהיה הדבר קל להשיג, מדין 'נדר שהותר מקצתו הותר כולו' (נדרים סו.). והוא אומרו לֵאמֹר, פירוש אין תכלית הדבר בדברים הנאמרים

KolSatmar.com

גאַנצן דור המדבר נאָך, דער גאַנצער דור המדבר זאָלן נאָך גיין. אויף דעם זענען געגאַנגען זיינע תפילות, נישט נאָר אויף זיך אַליין. [ולשון בָּעֵת הַהִיא קאי על הזמן שהיה מקודם שמתו דור המדבר]. אַזוי ווי דער אור החיים הקדוש איז דאָ מאריך.

**מא**

**ומבואר בספרים הקדושים דבקשתו היתה שכבר יהיה בימיו העולם התיקון, ועל כן אף שהבין שכל זמן שלא תהיה הגאולה צריך הוא להשאר במדבר כדי להכניע הפעור, וכדי להקים את דור המדבר עמו בתחיית המתים, אבל בקשתו היתה על זה גופא שכבר תהיה הגאולה שלימה בימיו ולא יצטרכו עוד לזה**

ס׳איז דאָך אַן ענין פון [בקשה אויף] דער גאולה העתידה, ער האָט דאָך געוואָלט ס׳זאָל זיין ׳דעס׳, [דער תיקון השלם].

[וואָרן] אין אמת׳ן אַריין אַז ס׳איז נישט די גאולה [נצחיית], אַזוי ווי ס׳איז [טאַקע] געוועזן, האָט ער טאַקע נישט געקענט גיין. אַזוי ווי כ׳האָב **נעכטן** געזאָגט, ער האָט דאָרט געמוזט בלייבן וועגן ״דור המדבר״ [שיקומו עמו לתחיית המתים] (דברים רבה ב, ט), און וועגן [להכניע העבודה זרה של] פְּעוֹר[יח], מ׳האָב מיר שוין **נעכטן** (בסעודת ליל שב״ק) גערעדט פון דעם[יט]. די מדרשים זאָגן דאָך [אַזוי, אַז] דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט ס׳האָט געמוזט זיין [שישאר שם במדבר].

נאָר ער [משה] האָט ׳דאָך׳ גערעכנט, ער האָט טאַקע געוואָלט [אַז] דעס אַלעס זאָל נישט [דאַרפן] זיין, [נאָר] ס׳זאָל ׳שוין׳ זיין דער ״קץ הגאולה״. די אַלע נחמות וואָס זיי וועלן זיין לעתיד האָט משה רבינו געוואָלט ס׳זאָל שוין זיין ׳דעמאָלטס׳, [ועל זה היה כל אותן התקט״ו תפילות].

אַזוי איז דאָך [מבואר, אַזוי] ברענגט מען דאָך איבעראָל אין אַלע ספרים, און אין כמה מקומות אין **דברי חכמינו ז״ל**. (ההמשך בישוב קושיא ב-ד, באות קסז)

---

אלא לֵאמֹר עוד דברים אחרים, וזה עשה בחכמה, כי יותר יהיה נקל להתקבל תפלתו על עצמו, להתיר שבועת הגזירה שעליו, להיותו נקי וצדיק, מֵהַתִּיר שבועת גזירת ישראל שהם בעלי הֶעָוֹן. וכל דברי משה יגידו ׳צִדְקַת ה׳ עָשָׂה׳ (ברכה לג, כא).

[יח] כמבואר **בגמרא סוטה** (יד.): אמר ר׳ חמא ברבי חנינא, מפני מה נקבר משה אצל בית פעור, כדי לכפר על מעשה פעור.

וכתבו שם **התוספות** וז״ל: **ומדרש אגדה**, בכל שנה ושנה בעת שחטאו ישראל בבנות מואב, באותו פרק בית פעור עולה למעלה כדי לקטרג ולהזכיר עון, וכשהוא רואה קברו של משה חוזר ושוקע, שמשה רבינו שקעו בקרקע עד חוטמו, וכל שעה שעולה חוזר ונשקע למקום ששקעו משה רבינו. **מתוספת רבי**.

ועיין **בפרקי דרבי אליעזר** (פרק מה) וז״ל: וכשקבלו ישראל את התורה וכו׳ ואמרו לאהרן וכו׳ קוּם עֲשֵׂה לָנוּ אֱלֹהִים אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ וכו׳ וראה אהרן לחור שנהרג ובנה מזבח להם וכו׳ שלח הקב״ה חמשה מלאכים להשחית את ישראל, ואלו הן קצף אף חימה משחית וחרון, שמע משה ויצא לקראת אברהם יצחק ויעקב וכו׳ אמר משה לפני הקב״ה וכו׳, ובזכות שלשה אבות הללו נעצרו שלשה מלאכי חבלה, קצף אף חימה, ונשתיירו שנים, חרון ומשחית. אמר משה לפני הקב״ה רבון כל העולמים למען השבועה אשר נשבעת להם כך עצור ״משחית״ מישראל, ונעצר המשחית, שנאמר (תהלים עח, לח) וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן וְלֹא יַשְׁחִית וְהִרְבָּה לְהָשִׁיב אַפּוֹ וְלֹא יָעִיר כָּל חֲמָתוֹ. ועוד אמר משה לפני הקב״ה, רבון כל העולמים למען שמך הגדול והקדוש שהודעת לי עצור ״חרון אף״ מישראל, שנאמר (תשא לב, יב) שׁוּב מֵחֲרוֹן אַפֶּךָ וְהִנָּחֵם עַל הָרָעָה לְעַמֶּךָ. מה עשה משה, חפר בארץ כבית דירה גדולה בנחלת בני גד, וטמן את ״חרון אף״ בארץ כאדם שהוא חבוש בבית האסורים, ובכל זמן שהיו חוטאין היה עולה ׳ופוער׳ בפיו לנשוך ברוחו להשחית את ישראל, והיה משה מזכיר עליו את השם ומורידו למטה לארץ, לפיכך נקרא שמו ״פעור״. וכשמת משה מה עשה הקב״ה, נתן את קברו כנגדן, וכל זמן שהם חוטאין והוא רוצה לעלות ולפעור את פיו ולנשוך ברוחו להשחית את ישראל והוא רואה את קברו של משה כנגדו, הוא מתפחד ויורד למטה לארץ, ולכך נאמר (זאת הברכה לד, ו) **וַיִּקְבֹּר אֹתוֹ בַגַּיְא ׳מוּל בֵּית פְּעוֹר׳**.

[יט] ונדפס **בדברי יואל** (עמוד מא, ובתנינא עמוד צג). ועיין לקמן אות צח, קי, קסז.

KolSatmar.com

קמא

# ישוב הקושיות בהפטרת נַחֲמוּ

### התחלת ישוב קושיא טז

וועל מיר צוקומען צו דעם, [לבאר דברי הילקוט בפסוק] נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם, וואָס איז דעס [גאנצע ענין], וויאַזוי איז עפּעס מעגליך אַז מ'זאָל נישט הערן אַלע נביאים, [און] משה רבינו'ן נישט גלייבן?

[די קשיא] וואָס איך האָב פריער געפרעגט (בקושיא טז).

קמב

מה שלא יאמינו לדברי הנביאים, אין בזה כפירה בהנביאים ח"ו. כי לא יֵדְעוּ בני ישראל שהם הנביאים האמתיים, ושזהו משה רבינו, וכל ביאתם יהיה רק עבור "לנסות" את ישראל, כדיבואר להלן

מיין איך אפשר אַזוי.

אמת הדבר זיי וועלן קומען [לנחם את ישראל, אמנם כוונתם בזה] ס'וועט זיין אַ "נסיון" פאַר'ן דור.

[דביאור הענין] מוז זיין אַזוי, משה רבינו וועט קומען מנחם זיין, ער וועט טאַקע קומען משה רבינו, אָבער מ'וועט נישט וויסן אַז ס'איז משה רבינו. וואָרן ווען אַז מ'זאָל וויסן און מ'זאָגט מ'גלייבט נישט, דער איז דאָך אַ כופר, איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן, קאָן מען זאָגן [אַזאַ זאַך]? אַז מ'איז כופר בנבואת משה לא עלינו? דאָס קען דאָך נישט זיין (וכלדעיל סוף אות לג).

[אלא מאי אַז] ער וועט קומען [ולא יקבלו דבריו], איז נאָר מעגליך אויף אַזאַ אופן אַז מ'וועט נישט וויסן [שזאת הוא משה רבינו, או שאר נביאים].

קמג

### התחלת ישוב קושיא יט

היות כי בעוה"ר נכשלו בדורות אחרונים להתפתות אחרי משאות שוא ומדוחים של גאולות של שקר, ע"י אותן שהכניסו פשטים זרים בדברי התורה, על כן ירצה הקב"ה לנסות את ישראל בזה קודם הגאולה, אם יעמדו בנסיון שלא להתפתות עוד מזה

איי נאָך וואָס, לָמָּה עָשָׂה ה' כָּכָה [להטריח י"ד נביאים].

[אבל ביאור הענין, דיען כי] בעונינו הרבים מ'האָט געזען דאָס לעצטע דור, אַז מ'וועט אַריינפאַלן [בפתויים של גאולת שוא], מ'וועט איינרעדן 'גאולות' מיט 'נחמות' מיט 'ישועות' [של שוא ושקר], און מ'וועט עס אַריינלייגן אין די תורה הקדושה. [על כן ירצו מן השמים לנסות את ישראל, אם הם כבר במדריגה שלא יטעו עוד בדברים כאלו, והם ראויים ליגאל, וכדיבואר לקמן].

קמד

### הקדמה להמשך ישוב קושיא יט וקושיא טז

ממה שכתבתי בויואל משה - בביאור הגמרא: אפילו אם יבא אליהו אין שומעין לו

איך האָב געזאָגט, איך האָב אין ויואל משה (א, קנא) געטייטשט מיט דעם, [דעס וואָס] די גמרא זאָגט (יבמות קב.) אפילו אם יבא אליהו און ער וועט זאָגן [אין חולצין בסנדל, אין שומעין לו, שכבר נפסקה הלכה [שחולצין בסנדל].

זאָגט די גמרא, אַז אליהו וועט קומען [ויאמר כך] זאָל מען אים נישט הערן.

KolSatmar.com

### קמה

דלכאורה קשה למה אמרו לשון כזה, דהוא דבר שאינו במציאות, כי בודאי אליהו לא יבא לומר דבר שהוא נגד ההלכה

[ולכאורה קשה] **נו אליהו** וועט דאָך זיכער נישט זאָגן שלא כדין, אַז דער אמת איז אַז מ׳דאַרף אים נישט הערן איז דאָך עס שלא כדין, נו איז אַ הוה אמינא בעולם אליהו וועט זאָגן חלילה שלא כדין?

[והלא] אליהו יתרץ קושיות ואיבעיות[כ], ער קומט פון עולם העליון [להגיד דבר הלכה, נו] אַז ער קומט [מן השמים להורות לבני ישראל] איז ער דאָך מכוון דעם אמת, [ואם כן קשה] וואָס דאַרף די גמרא זאָגן מ׳וועט אים נישט הערן, זאָג ׳אליהו וועט נישט זאָגן׳, [ולמה אמרו שאם יבא ויאמר כך לא ישמעו לו], **ווי איז פאַרהאַנדן אליהו זאָל זאָגן שלא כדין.**

### קמו

וגם אין זה לכבודו של אליהו, לומר עליו כן

און ס׳איז עפּעס נישט קיין כבוד פאַר אליהו [לומר עליו כן].

### קמז

אבל ביאור הענין, דאף שאליהו לא יאמר כן, אבל יתכן שיבא פעם איזה איש ויאמר דברים נגד ההלכה, ואנשי העולם יפליגו בגדולתו מאוד וירצו לשמוע אליו, לזה הודיעונו חכמינו ז״ל כי אפילו אם הוא גדול כאליהו הנביא אם יאמר נגד ההלכה אין שומעין לו, ונדע שלא להתפתות משום איש שיאמר דברים נגד התורה וההלכה

**נאָר וואָס׳זשע דען, פאַרוואָס זאָגט דאָס די גמרא אם יבא אליהו אין שומעין לו, וועט ער דען קומען זאָגן** [שלא כדין]? [אמנם] **מ׳מיינט דאָך נאָר, מ׳וויל באַוואָרענען** [אַז] **טאָמער וועט קומען ׳איינער׳, און ער וועט זאָגן ער איז אַ נביא, און מ׳וועט זאָגן אויף אים - ווייס איך** [וואָסערע] **- גרויסע זאַכן,** [זאל מען וויסן, אַז] **אויב ער וועט זאָגן אַנדערש ווי דער דין, דאַרף מען אים נישט הערן.**

און ווען די גמרא העט געוועהן געזאָגט אַז אליהו ׳קען נישט זאָגן׳ [שלא כדין], יעצט וועט אָבער דער ׳פאַלטשער אליהו׳, דער וועט דאָך יאָ זאָגן, וועט מען אים יאָ הערן, וואָרן ס׳שטייט דאָך נישט אַז אפילו ווען ער זאָל זאָגן [אין שומעין לו. ממילא איבערדעם] מוז שטיין ׳אַזוי׳, מוז שטיין אַזוי אַז אפילו ווען ער זאָל קומען [ויאמר כך] זאָל מען אים נישט הערן[כא].

---

[כ] כמו שמובא **בתוספות יו״ט** (עדיות ח, ז) **דתיקו שאמרו בגמרא היא נוטריקון תשבי יתרץ קושיות ואבעיות. וכן כתב החיד״א בעין זוכר** (ת, לז) **בשם ספר הקנה, ובשם הקדמת הרמב״ם על המשנה** (כתב יד).

[כא] וז״ל **רבינו בויואל משה שם:** וכבר אמרתי במה שאמרו חכמינו ז״ל ביבמות ק״ב ומנחות ל״ב שאפילו אם יבוא אליהו ויאמר אין חולצין בסנדל אין שומעין לו, וכעין זה מצינו כמה פעמים בש״ס, ואינו מובן הלשון שאמרו על אליהו אין שומעין לו, שזה דבר שאינו במציאות, שכיון שאין שומעין לאליהו בכך הוא בשביל שהוא היפך האמת וההלכה, ואם כן בודאי שאליהו לא יאמר דבר שהוא היפך האמת וההלכה, ואם כן אי אפשר שיבוא לידי כך שנצטרך לומר על אליהו שלא לשמוע לו, והוה ליה לומר שאפילו אליהו לא יוכל לומר אין חולצין בסנדל, ומזה נדע הכל, ומדוע אמרו הלשון אין שומעין לו, שאין זה לכבודו של אותו צדיק, גם אינו במציאות.

אלא שודאי ידעו חכמינו ז״ל שאליהו לא קאמר כן, אבל חששו שמא יהיה איזה גדול הדור שיטעה בזה ויטעו כל העולם אחריו מחמת גדלו לשמוע אליו אף במה שהוא היפך האמת, ולזה הפליגו בדבר שאף לאליהו אין שומעין מה שהוא היפך האמת, ותו ליכא למיטעי. ואילו היו אומרים שאף אליהו לא יוכל לומר כן, עדיין היה מקום לטעות באיזה גדול לשמוע אליו אף אם אומר היפך האמת, כי לא אמרו באליהו אלא שלא יאמר, אבל לא על מי שהוא אומר. ולכן אמרו דברים ברורים ומפורשים, שאף לאליהו אין שומעין בכהאי גוונא, ולא חששו אף לכבודו של אליהו זכור לטוב להגיד עליו לשון זה, כדי שלא לבוא לידי טעות בדורות האחרונים

KolSatmar.com

### קמח

### המשך ישוב קושיא יט וקושיא טז

ובכן היות כבר נכשלו ישראל להתפתות בפתויי שוא, על ידי שמגדילים את אלו המגלים פנים בתורה שלא כדת ושלא כהאמת, [ואפילו עד שאומרים על ישראל הכשרים המאמינים בדרך ישראל סבא, כאילו הם בגדר "בוגדים"], וכשיבא משיח יבואו לכלל דעת להכיר כי אדרבה כל הצרות באו רק על ידי אמונות הטפילות של שוא

**היצט איז אַזוי:**

אַזוי ווי [=וויבאַלד] האָט מען געזען נעבעך [ווי] דאָס דור וועט געשלאָגן זיין [להתפתות בגאולות שוא], מ'וועט ליידן, מ'וועט זיך לאָזן פאַרפירן מ'וועט זיך לאָזן פאַרפאָפּן, [על ידי] מנהיגים לא טובים [וואָס] מ'זאָגט **שלא כדת** און **שלא כהלכה** און **שלא כהאמת**, און מ'לייגט עס אַריין [בדברי התורה הקדושה, דמצוה לשמוע דברי חכמים ולא תסור מכל אשר יורוך, ואומרים על המנהיגים] **'דער' איז אַזוי גרויס, און 'דער' איז אַזוי גרויס**, און מ'זאָגט גאָר פאַרקערט [מן האמת], מ'קוקט גאָר אָן [אותן המגלים דעת תורה האמיתי על דרך ישראל סבא המקובל מצדיקי אמת הקודמים, כאילו] **רחמנא ליצלן מ'איז אַ "בוגד"!** [וטוענים עליהם לאמר] **וואָס טייטש? די "גדולי הדור" זאָגן אַזוי!**

און מ'וועט פאַרפירט ווערן [אחריהם רוב הדור].

### קמט

און ווען משיח וועט קומען וועט מען 'אַלע' "קומען **לכלל דעת**", וועט מען וויסן אַז מ'האָט נישט גוט געטון.

מ'וועט זען די "צרות" וואָס מ'האָט געליטן דורך 'דעם'.

[דבאמת] "**אַלע צרות ישראל**" קומען פון דעם, פון דעם וואָס מ'איז מאמין אין זיי[כב] [בהמפתים אחרי הגאולות שוא ואחרי המינים].

### קנ

ובאמת מה שהאמינו עד עתה בענינים של שוא, הוא רק מחמת שהיה להם "רצון" כך מחמת כח היצר והתאוה

[והאמת הוא] מ'איז פאַרדעם איז מען אַזוי פאַרגלייבט אין דעם, ווייל מען 'ווילי' אַזוי, ווייל ס'איז **תַּאֲוַת לְבָבָם**, ווייל ס'איז דער **רָצוֹן** אַזוי, דער **יֵצֶר הָרָע**.

פאַרוואָס האָט מען דען געגלייבט **בלעם'ן** ווען ער האָט געזאָגט [פשט בדיבורי נבואותיו (וכדלעיל אות קכב). והלא] **משה רבינו** האָט דאָך אַנדערש געזאָגט פשט אין פסוק?

נאָר ס'איז דאָך אַזוי די טבע, [לנטות אחרי] **די תאוות**, און פון בלעם'ן אַליין האָבן זיי געהאַט אַ מקום מ'זאָל גלייבן [פירושו, שהרי על ידו נאמרו אלו הדיבורים, ולכן] האָט מען געגלייבט אין דעם, אין זיינע "**פְּשָׁטִים**" וואָס ער האָט געזאָגט.

---

העלולים לטעותים גדולים ונוראים בעון הדור רח"ל. המתבונן בזה יוכל להבין מה שאי אפשר לבאר יותר בכתב.

[כב] וזלש"ק של רבינו בסוף ס"ג נח תשכ"ח: ס'איז קיין שום ספק אַז ווען נישט 'די כַּתּ' העטן מיר שוין לאַנג אויסגעלייזט געוואָרן, בעוה"ר וואו איז פאַרהאַנדן גרעסערע רוצחים אויפן כלל ישראל ווי די נקודה וואָס מ'האָט געזוכט אַליין צו נעמען א גאולה, און דאָס האָט מעכב געווען די גאולה.

כל הצרות וואָס ס'איז דאָ בעולם, ברוחניות ובגשמיות, אַלעס איז עַל שִׁכְמָם! אַלעס ליגט אויף זיי! בעוה"ר די וואָס האַלטן זיי צו [=גיבן זיי חיזוק] נאָר אפילו במחשבה, ברעיון ובדיבור, אוי להם ואוי לנשמתם! רחמנא ליצלן זיי זענען די רוצחים פון די וועלט, די רוצחים פון די קדושה! עַל ה' וְעַל מְשִׁיחוֹ!

דער אייבירשטער זאָל העלפן מ'זאָל מיר זיין ביים אֱמֶת'דיגן דעת, מ'זאָל זיך נישט לאָזן פאַרפירן, מ'זאָל האָפן נאָר צו השם יתברך אַליין, מ'זאָל וואַרטן ביז דער בורא כל עולמים וועט העלפן במהרה די גאולה שלימה.

KolSatmar.com

[על כל פנים] **מ'גלייבט פאַרדעם אין די פאַלטשע זאַכן,** [וועגן] **די כוחות היצר, די כוחות התאוה.**

**קנא**

על כן כשיבא משיח ויכירו האמת, ירצו "לנסות" את ישראל אם שוב לא יאמינו בדברים שהם נגד המסורה והאמונה, ועל כן ישלחו כל אלו הנביאים לבשרם בהגאולה, אבל בני ישראל כבר יבואו אז כולם למדריגה הנכונה שלא להאמין כל כך בנקל, ועל כן ישיבו שאינם מאמינים להם יען שיש להם סתירות נגד זה מפסוקי התורה

[ולכן בעת שיבא משיח צדקינו], **מדה כנגד מדה וועט מען מוזן "אויספרובירן" דאָס דור** [אם מעתה יעמדו בנסיון שלא להתפתות אחרי גאולת שוא], **און מ'וועט שיקן אַזעלעכע זאַכן** [נסיונות כאלה], **און איינער וועט קומען במקום פון הוֹשֵׁעַ, און איינער וועט קומען במקום מֹשֶׁה,** [און] **ס'וועט טאַקע זיין "הוֹשֵׁעַ" מיט "מֹשֶׁה", אָבער מ'וועט נישט וויסן** [שזהו הושע ומשה, וכן שאר הנביאים].

**אידן וועלן אָבער שוין זיין דעמאָלטס 'געקומען לכלל דעת'. וועלן זיי זיין ביי זיך "פעסט", און מ'וועט נישט גלייבן 'קיינעם'.**

**מ'וועט זאָגן** [להשליח שבא לנחמם], **מ'וועט פרעגן אַ קשיא** [על דבריו. און] **פאַרוואָס, פאַרוואָס וועט מען נישט גלייבן, ווייל מ'וועט נישט גלייבן אַז 'ער' איז גאָר 'דאָס'** (כדלעיל אות קמב). [ולכן יאמרו אליו] **אַז דו וועסט מיר קאָנען פאַרענטפערן אַלע קשיות, דו וועסט קאָנען ענטפערן,** [דעמאָלטס] **וועל איך דיר גלייבן.**

**קנב**

**ישוב קושיא יז**

ובכוונה לא יתרצו להם הנביאים על שאלותיהם,

כי אין הרצון בשליחותם כדי שיאמינו להם, רק כדי לנסותם

**נו מ'וועט דאָך נישט פאַרענטפערן, ס'שטייט דאָך נישט קיין תירוץ. מ'וועט דאָך נישט ענטפערן,** [וואָרן] **מ'מיינט דאָך נישט** [שאין הרצון בשליחותם] **אַז מ'זאָל גלייבן, מ'וויל דאָך טאַקע 'דעם' נִסָּיוֹן, דער בורא כל עולמים וועט אים שיקן** [להנביא, פאַרדעם ווייל] **מ'וויל מ'זאָל 'דורכגיין' דעם נִסָּיוֹן.**

**קנג**

והיות שלא יהיו יודעים כי הם נביאים האמיתיים ומשה רבינו

על כן באמת ישיבו להם כי אינם מאמינם כל כך בזה

**איבערדעם וועלן קומען די אַלע נביאים מיט די אבות הקדושים, וועט קומען משה רבינו, אָבער מ'וועט נישט וויסן אַז זיי זענען דאָס.** [וואָרן] **חס ושלום, אַז מ'העט געוואוסט דאָס, ווי איז פאַרהאַנדן צו זאָגן** [אַז] **מ'גלייבט נישט, נאָר מ'וועט נישט וויסן.**

**וועט מען וועלן אידן ברענגען אויף דעם נִסָּיוֹן. אויף דעם נסיון,** [כי] **אַז מ'קומט איינער און ער זאָגט** [בשורת הגאולה, און] **ער קאָן מיר נישט פאַרענטפערן, ער קאָן מיר נישט פאַרענטפערן וואָס ס'שטייט אין די תורה הקדושה** [בניגוד לזה], **זאָל איך אים נישט גלייבן.** [והכוונה] **איך גלייב נישט אַז 'דו' ביסט דאָס.**

**דעס וואָס ער זאָגט 'איך גלייב נישט'** [מה שלא יאמינו להם ישראל] **איז נישט טייטש אַז ער גלייבט נישט משה רבינו,** [נאָר] **איך גלייב נישט** [שליח הזה הוא באמת משה רבינו

KolSatmar.com

ע"ה, שהרי דבריו בניגוד למה שכתב משה בתורה]. און מכח זה וועט מען עס שטעלן אויפן נִסָיון, וועט מען נישט גלייבן [אַז] ס'איז משה רבינו.

**קנד**

ולכן יחזרו כל אלו הנביאים להקב"ה ויאמרו כי ישראל כבר הם במדריגה הראויה שלא להאמין למי שהוא בענין "הגאולה"

וועלן אַלע [י"ד נביאים] צוריקקומען צום בורא כל עולמים[כג] [ויאמרו] **מ'האָב מיר אויספרובירט אידן,** [וכבר הם במדריגה להיות עומדים בנסיון זה, אַז] **ביי אַ "גאולה" וויל מען נישט גלייבן קיינעם, נאָר דעם "באַשעפער" אַליין.**

**קנה**

ואז יאמר הקב"ה "אם כן כבר ראויים הם לגאולה", ואז יבא הקב"ה לנחמם

וועט דער בורא כל עולמים זאָגן, **נו היצט איז די צייט** [להגאולה שלימה, כיון שכבר עמדו בני ישראל בנסיון זה]. **היצט וועל 'איך' קומען מיט ענק.**

און אַזוי וועט זיין, דער בורא כל עולמים וועט קומען [בעצמו לנחמם].

**קנו**

**הקדמה לישוב קושיא יח**

**ממה שאמרתי בביאור הלשון: "וְיַשְׁמִיעֵנוּ" בְּרַחֲמָיו שֵׁנִית "לְעֵינֵי" כָּל חַי לֵאמֹר**

דלכאורה אם התחיל בלשון "שמיעה" למה סיים בלשון "לעיני", ולא בלשון "לאזני"

איך האָב שוין געזאָגט לאַנג, געטייטשט אויף דעם [נוסח שאומרים בקדושת כתר] **"וְיַשְׁמִיעֵנוּ" בְּרַחֲמָיו שֵׁנִית "לְעֵינֵי" כָּל חַי לֵאמֹר.**

לכאורה [אם התחיל לומר] "וְיַשְׁמִיעֵנוּ", העט ער געדאַרפט צו זאָגן וְיַשְׁמִיעֵנוּ "לְאָזְנֵי", [דהלא] 'הערן' הערט מען דען מיט די 'אויגן'? [ולמה אמר] **"וְיַשְׁמִיעֵנוּ" בְּרַחֲמָיו "לְעֵינֵי".**

**קנז**

וביארתי דלעתיד יהיה כמו במתן תורה שהיו "רואים את הנשמע". והסברתי דאין זה בגדר נס, רק שבאמת יש ממשות לכל "קול", וכמו שרואין כהיום שיכולין לקבלם על כלים ולהשמים עוד הפעם, רק שבסתם קול לרוב "דקותו" אינו נרגש בראיה רק בשמיעה

נאָר וואָס'זשע דען, [אַזוי ווי] ס'איז געווען ביי מתן תורה **רואים את הנשמע** (רש"י יתרו כ, טו).

איך האָב שוין אַמאָל מסביר געווען לאַנג[כד] [אַז] דאָס איז גאָרנישט פון די 'נסים' דער "רואים את הנשמע", ס'האָט געקאָנט זיין גאָר אַ 'דרך הטבע'.

**וואָרן דער אמת, יעדעס "קול" - זעט מען דאָך - האָט אַ 'מַמָשות'.**

**והראיה מען 'נעמט דאָך עס אויף' אויף 'כֵּלִים', אַזוי ווי מ'זעט** [בזמנינו].

**דאָס ליגט דאָך אין אֲוִיר.**

**קנח**

[ואולי יש לרמז זה באומרם] (חגיגה י.) **היתר נדרים איז "פורחין באויר".**

דער [קול], דעס וואָס מ'זאָגט "מוּתָּר לָךְ", מ'זאָל נישט מיינען [אַז] דאָס איז, ס'פליעט אַוועק. [נאָר] דאָס 'ליגט', די ווערטער די דיבורים "ליגן אין אֲוִיר".

---

[כג] ועיין רש"י יתרו (יט, ח) בפסוק וַיָּשֶׁב מֹשֶׁה אֶת דִּבְרֵי הָעָם אֶל ה'.

[כד] עיין באורך **בדברי יואל** ויגש (עמוד תיד), ויקהל (עמוד שסח).

KolSatmar.com

### קנט

והראיה מ׳נעמט דאָך עס אויף [על כלים של ריקאָרדינג], און ווייטער, ס׳קאָן ווייטער זאָגן [להשמיע שוב את הקול].

נאָר וואָס דען, ס׳איז ׳דאָך׳ [יש בכל קול] די ׳שוועכע׳ [=שוואַכקייט] דערפון, אַז מ׳קאָן עס נישט ׳אָנזען׳ [לרוב דקותו].

### קס

אבל באותן קולות דמתן תורה שהיה קול ה׳ בכח, שפיר היו יכולין לראותו גם בטבע

אָבער אַ דיבור וואָס ס׳קומט פונעם בורא כל עולמים, איז דאָך עפּעס אַ שטאַרקערער כח. [וממילא] אַזאַ דיבור וואָס ס׳קומט פונעם בורא כל עולמים, דעס ׳זעט׳ מען אָן טאַקע, די זעלבע אַזוי ווי מ׳קאָן עס ׳הערן׳ מיט אַ כלי, ׳זעט׳ מען עס בעצם, "רואים את הנשמע".

[ואינו מוכרח שהיה זה בדרך נס דוקא, ולכן לא מצינו בדברי חז"ל שיחשבו זאת בין הנסים שהיו במתן תורה][כה].

### קסא

וכן יהיה לעתיד. ולכן שפיר אומרים "וישמיענו" שנית "לעיני" כל חי

[וכן לעתיד] ביי די גאולה, איז "וְיַשְׁמִיעֵנוּ" בְּרַחֲמָיו, ווען דער בורא כל עולמים וועט משמיע זיין די גאולה, וועט זיין "לְעֵינֵי" כָּל חָי, מ׳וועט זיין "רואים את הנשמע".

איבערדעם פירט ער אויס וְיַשְׁמִיעֵנוּ "לְעֵינֵי".

### קסב

### ישוב קושיא יח

ועל דרך זה יבואר מה שיאמר הקב"ה להנביאים "אני ואתם נלך", די"ל הכוונה שיהיה להם המדריגה של שכינה מדברת מתוך גרונם, ובני ישראל יהיו "רואים את הנשמע" לראות דיבוריהם, ושהשכינה מדברת מתוך גרונם והם הנביאי האמת, ואז שפיר יאמינו להם ויקבלו מהם תנחומין

[ועל דרך זה יבואר סיום דברי הילקוט הנ"ל].

פאַר זיי [להנביאים] האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט, מ׳האָט מורא [אידן] צי עטס זענטס די נביאים? "איך" וועל מיט ׳ענק׳ מיטגיין! [והכוונה] ס׳וועט זיין **שכינה מדברת מתוך גרונם**, [וממילא] וועט זיין **רואים את הנשמע**, [ועי"ז יתברר להם שהוא מדיבורו של השי"ת]. ׳דעמאָלטס׳ וועלן אידן גלייבן [שהם הנביאים האמיתיים], און דעמאָלטס ׳ברויך׳ מען צו גלייבן.

---

[כה] וז"ל **בדברי יואל** (ויגש שם): שפירשתי מה שאמרו בפסוק וְכָל הָעָם רֹאִים אֶת הַקּוֹלֹת (יתרו כ, יד), רואין את הנשמע שאי אפשר לראות במקום אחר. ולכאורה מדוע לא חשבוהו רז"ל בין הניסים שנעשו במתן תורה, כמו שמנו שאר הניסים, כגון מה שנתרפאו בעלי מומים, ועוד הרבה ניסים הוזכרו בגמרא ובמדרשים.

ואפשר מפני שדבר זה יתקרב אל לב בני אדם להשכילו גם על פי חוקי הטבע ואין הנס מוחלט בו, על כן לא חשבוהו חכז"ל לנס. דהנה כל קול יש בו ממשות, והראיה שנקלט הקול בזמנינו בכלים שונים, ונשמר לזמן מרובה, ואלמלא לא היה בקול ממשות לא היה אפשר לקלטו ולשמרו, אלא שלרוב דקותו אי אפשר לחוש הראות להשיגו, **ואפשר דזכי הראות הרגישו בחינת הקול על ידי חוש הראיה** [גם בשאר פעמים].

ומעתה אותן הקולות דמתן תורה שיצאו מפי הגבורה, וקול ה׳ בכח קול ה׳ שובר ארזים, **השכל מחייב שאחרי שזכו לקול אלקים מדבר, שירגישו גם בחוש הראיה בחינת הקול ההוא לרוב תקפו**, ועל כן לא חשבוהו חכז"ל לנס, כי הראיה בעצמיותה אינה נס, ועיקר הנס שזכו לקול אלקים חיים מְדַבֵּר אליהם וחיו, וכמו שאמר הכתוב (ואתחנן ד, לג. ה, כג), אבל גדר השמיעה והראיה שוים בקול זה.

KolSatmar.com

## קסג
### היוצא מזה לעניננו:

כל זמן שאין שומעין מהקב״ה, או שרואין דברי הנביאים ששכינה מדברת מתוך גרונם, אין להאמין לשום ענין של גאולה

**אונ ביז דעמאָלטס,** [ביז ווילאַנג] **אַז דאָס וועט נישט זיין, טאָר מען נישט גלייבן וואָס מ׳זאָגט ׳גאולות׳ מיט ׳ישועות׳.**

[אלא צריך לידע כי רק] **די ״תורה הקדושה״ איז מכריע אַלעס, נאָר מיט ״אמונה״ און מיט ״קיום התורה״** [תוכל להיות הגאולה].

[משא״כ בענין ותנועה שיש בה] **״ביטול התורה״** [ואפילו] **איין ״אות אחת״,** [און] **ווער רעדט חס ושלום אַז ס׳איז** [אפילו נאָר] **אַ ׳תנועה׳** [קלה] - **לא עלינו רחמנא ליצלן - פון ״כפירה״ אַז מ׳קאָן אַריינברענגען אין ״איין איד״ אפילו, איז אַ סימן מובהק אַז ס׳איז אַלעס שֶׁקֶר וְכָזָב, איז דאָס אַלעס** [אַ] **פאַרבלענדונג, און ס׳איז פאַרדרייט.**

[אַז] **מ׳גייט אַרויס פון דרך התורה, מעג זיין ווי גרויס** [הוא האיש האומרו], **איז עס פאַלטשע זאַכן.**

## קסד

ולצורך זה הודיעונו חכמינו ז״ל כל זה מה שישלחו לעתיד את הנביאים תחילה, ולא יקבלו מהם תנחומין, כדי שנדע שאין להאמין בענין הגאולה לשום אדם עד שיתברר לנו שהוא מהקב״ה בעצמו

**האָט מען אונז געזאָגט חכמינו ז״ל** [און] **מודיע געווען** [בדברי הילקוט אלו], **אַז מ׳וועט נישט גלייבן קיינעם, ניטאַמאָל משה רבינו׳ן אַליין וועט מען גלייבן,** [והודיע זאת] **פאַרדעם אַז מ׳זאָל דאָס ווייזן** [שאין להאמין בענין בשורת הגאולה לשום אדם עד שיתברר בבירור גמור שהוא מהבורא יתברך][כו].

---

[כו] ראוי לציין, כי אחר כך בקיץ שנת תשכ״ז כשעסק רבינו בעריכת הקונטרס על הגאולה ועל התמורה, הכניס רבינו שם גם דרוש זה שאמר בכאן בפרשת ואתחנן תשכ״ו בביאור דברי הילקוט בפסוק נַחֲמוּ נַחֲמוּ (וכמו שנדפס שם בסימן סד-סו), וגם הוסיף קצת על דרוש זה להקדים מאמרי חז״ל שבכל אופן אי אפשר שתהיה שום דבר מעניני הגאולה רק ע״י הקב״ה בעצמו, ולכן צריך שתהיה גם הנחמה מפי הקב״ה בעצמו.

וזלש״ק של רבינו שם (בהתירוצים): ואפשר ליישב, על פי מה שאמרו חכמינו ז״ל דגאולה העתידה תהיה על ידי הקב״ה בכבודו ובעצמו. כדאיתא במדרש ילקוט (זכרי׳ רמז תקעז) אַשְׁרֶיךָ יִשְׂרָאֵל מִי כָמוֹךָ עַם נוֹשַׁע בַּה׳ (ברכה לג, כט), אמר הקב״ה, בעולם הזה הייתם נושעים על ידי בני אדם, במצרים על ידי משה ואהרן, בימי סיסרא על ידי דבורה וברק וכו׳, ועל ידי שהיו על ידי בשר ודם הייתם חוזרים ומשתעבדים, אבל לעתיד לבוא אני בעצמי גואל אתכם ועוד יותר אין אתם משתעבדים, שנאמר (ישעי׳ מה, יז) יִשְׂרָאֵל נוֹשַׁע בַּה׳ תְּשׁוּעַת עוֹלָמִים.

וכן דרשו ז״ל (מדרש תהלים, מזמור קז) מדכתיב וּפְדוּיֵי ה׳ יְשׁוּבוּן (ישעי׳ נא, יא), אין אומר ופדויי משה ואהרן אלא ופדויי ה׳, שגאולה העתידה יהיה רק על ידי הקב״ה ולא על ידי בשר ודם.

וכן מבואר בזוהר הקדוש פרשת ויקרא (דף ו.) נָפְלָה וְלֹא תוֹסִיף קוּם בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל, נָפְלָה וְלֹא אוֹסִיף ״לַהֲקִימָהּ״ לָא כְּתִיב. מְתַל לְמַלְכָּא דְּרָגַז עַל מַטְרוֹנִיתָא וכו׳, כָּךְ קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, כָּל זִמְנִין דִּכְנֶסֶת יִשְׂרָאֵל בְּגָלוּתָא, כַּד הֲוָה מָטֵי זִמְנָא, הִיא אֲתִיאַת וְהַדְרַת קָמֵי מַלְכָּא. וְהַשְׁתָּא בְּגָלוּתָא דָא בַּתְרָאָה לָאו הָכִי, אֶלָּא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא יוֹחִיד בִּידָהָא, וְיוֹקִים לָהּ, וְיִתְפַּיֵּיס בַּהֲדָהּ וְיָתִיב לָהּ לְהֵיכָלֵיהּ. וְתָא חֲזֵי דְּהָכִי הוּא, דְּהָא כְּתִיב נָפְלָה לֹא תוֹסִיף קוּם, וְעַל דָּא כְּתִיב (עמוס ט, יא) בַּיּוֹם הַהוּא אָקִים אֶת סֻכַּת דָּוִיד הַנֹּפֶלֶת, הִיא לֹא תוֹסִיף קוּם כִּזְמְנִין אַחֲרָנִין, אֲבָל אֲנָא אוֹקִים לָהּ.

מבואר בדברי חכמינו ז״ל בכמה מקומות, דגאולה העתידה תהיה רק על ידי הקדוש ברוך הוא בעצמו, ולא על ידי שלוחי בשר ודם, וכנסת ישראל ידעה מזה היסוד.

ומעתה לא קשה כלל מה שלא יאמינו ישראל לכל אלו הנביאים שיבואו לְבַשְּׂרָם על גאולה העתידה, כי כן יהיה מקובל בידם שאי אפשר שתהיה הגאולה העתידה אלא על ידי הקב״ה לבדו. וכדמצינו ביציאת מצרים, כדאיתא במדרש רבה (שמות ה, יג) ומבואר כל הענין לעיל (סימן לב) באריכות, יכול לא האמינו עד שראו האותות, לא אלא וַיִּשְׁמְעוּ כִּי פָקַד ה׳ (שמות ד, לא), על השמועה האמינו ולא על ראיית האותות, ובמה האמינו, על סימן הפקודה שאמר להם, שכך היה מסורת בידם מיעקב וכו׳ שכל גואל שיבא ויאמר לְבָנַי פָּקֹד פָּקַדְתִּי אֶתְכֶם הוא גואל של אמת, כיון שבא משה ואמר פקד פקדתי אתכם מיד וַיַּאֲמֵן הָעָם וכו׳. הרי מבואר דלא שמעו ישראל אפילו למשה רבינו ע״ה, ולא האמינו בהאותות שעשה, אלא כאשר נתאמת אצלם הסימן של פָּקֹד פָּקַדְתִּי שהיה מקובל בידם מיעקב שבלשון הזה הם נגאלים.

KolSatmar.com

**קסה**

**ביאור הפסוק: נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי "יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם"**

ועל זה אמר הכתוב נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי "יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם", כי הנחמה צריך שיאמר אותה הקב"ה בעצמו, וְאָז נִנָּחֵם

**דער פסוק שרייט געוואַלד! נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי ["יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם"], שטייט נישט "אָמַר" אֱלֹקֵיכֶם.**

**- דער מדרש זאָגט[כז] אַז זיי וועלן זאָגן** [והיינו שישראל אמרו לישעי' הנביא] **אפשר איז מען נאָר געקומען מנחם זיין דעס דור וואָס זיי האָבן געזען דאָס חורבן, זאָגט ער ניין, ס'שטייט נישט "אָמַר", נאָר "יֹאמַר" אֱלֹקֵיכֶם,** [שתהיה הנחמה לכל הדורות][כח]**.** -

[ולדרכינו הכוונה] **שרייט דער פסוק "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי", אָבער וויסן זאָלט עטץ יֹאמַר** [**"אֱלֹקֵיכֶם"**]**, דאָס וועט מוזן זאָגן נאָר דער "בורא כל עולמים".**

**קסו**

אבל עד אז צריך לידע שלא לקבל תנחומין מן שום אחד, רק להיות דבוק בה'
ולקיים התורה ומצות, ולהתפלל ברחמים ותחנונים על הגאולה

**ביז דער בורא כל עולמים וועט נישט זאָגן: זאָלט עטץ נישט הערן קיינעם! עטץ זאָלטס נישט גלייבן קיינעם!**

---

ולכן גם בגאולה העתידה לא ירצו להאמין על בשורת הגאולה לשום נביא ואפילו למשה רבינו ע"ה, כי סימן זה יהיה מסור ומקובל בידם שתהיה הגאולה רק על ידי הקב"ה כביכול בכבודו ובעצמו. וכמאמר הנביא נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר "אֱלֹקֵיכֶם", שבשורת הגאולה תהיה על ידי הקב"ה בעצמו, ואמר הכתוב (ישעי' נא, יב) "אָנֹכִי אָנֹכִי" הוּא מְנַחֶמְכֶם, ודבורו יתברך מכרחת [נדצ"ל מוכרחת], לזה אין מן התימה דלא יאמינו ישראל לכל אלה הנביאים, כי כן ראוי להיות, **וזה רצונו יתברך.**

ובזה אפשר להסביר הענין, דלכאורה למה באמת יעשה השי"ת ככה להטריח כל אלה הנביאים ללא צורך, אמנם אפשר דהסיבה והטעם שישלח ה' את נביאיו יהיה כדי לנסות את ישראל אם יעמדו באמונתם שלא לשמוע בשורת הגאולה עד שישמעו מפי הקב"ה כביכול בכבודו ובעצמו שיבוא לנחמם, ואז יאמינו ויתנחמו. והצורך היה לנסותם בכל זה, לפי שכבר נכשלו בדורות הקודמים לפני ביאת המשיח במנהיגים לא טובים, והאמינו לגאולות שקר.

ופירשתי בספרי **ויואל משה** (מאמר א, סימן קכא) דאמרו ז"ל אפילו אם יבוא אליהו ויאמר אין חולצין בסנדל אין שומעין לו (יבמות קב), ולכאורה אינו מובן למה אמרו חכמינו ז"ל בלשון זה על אליהו שאין שומעין לו, כיון שהוא היפך ההלכה והאמת ואי אפשר שיאמר אליהו היפך ההלכה, והוי ליה לומר שאפילו אליהו לא יאמר אין חולצין בסנדל, ומדוע השתמשו חכמינו ז"ל בלשון זה אין שומעין לו שאין זה לכבודו של אותו צדיק ואי אפשר שיהיה במציאות כלל. אבל האמת הברור שידעו חכמינו ז"ל שאליהו לא יאמר היפך האמת והיפך ההלכה המקובלת, אבל חששו שמא יהיה איזה גדול הדור שיטעה בזה ויטעו כל העולם אחריו מחמת גדלו לשמוע אליו אף במה שהוא היפך האמת, לכן הזהירו אותנו חכמינו ז"ל שהיפך האמת אין לשמוע אפילו לאליהו, ומדוייק שפיר לשון הגמרא.

ולכן בעת הגאולה כשתתרבה הדעת ויבואו ישראל להשגה אמיתית, אז ידעו ויבינו שכל הצרות שבאו עליהם בעיקבא דמשיחא היה בשביל שהאמינו בְּהַמַּתְעִים, ומדה כנגד מדה ירצה ה' לנסותם וישלח להם השי"ת אלה הנביאים לנסותם אם יעמדו בנסיון שלא להאמין נגד הקבלה שהקב"ה בעצמו יגאלם כנ"ל. ובאמת היה בכח השגת הנביאים לתרץ כל קושיותיהם של ישראל, אבל לא ישיבו להם כלום, כי אין הרצון שיקבלו דבריהם רק לנסותם. ואחר כך יחזרו כל הנביאים והאבות הקדושים ומשה רבינו ע"ה ויאמרו להקב"ה שעמדו ישראל בנסיון וחזקים המה באמונתם ואינם רוצים להאמין רק להשי"ת, אז יאמר להם הקב"ה **אני ואתם נלך לנחם את ישראל**, שכבר הגיע הזמן לגאול את ישראל, וראויים המה לזה.

והוא כענין שהבאנו לעיל (סימן לב) בהאי עובדא דתנורו של עכנאי (ב"מ נט:), שנעשו הנסים להורות וללמד דעת שאין להשגיח על אותות ומופתים ואפילו על בת קול, אם הוא נגד ההלכה המקובלת. - ועכשיו בעוה"ר עושים להיפך, ומתפעלים להאמין גם בנסים שקריים שאין להם שום יסוד וממש.

[כז] **בילקוט שמעוני** (ישעי' רמז תמד): יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם. רבי חנינא בר פפא ורבי סימון, רבי חנינא בר פפא אמר, אמרו ישראל לישעיה, ישעיה רבינו תאמר שלא באת לנחם אלא לאותו הדור שחרב בית המקדש בימיו, אמר להם לכל הדורות באתי לנחם, "אמר" אלקיכם אין כתיב כאן, אלא "יֹאמַר" אֱלֹקֵיכֶם.

[כח] ועיין להלן אות קעח.

KolSatmar.com

נאָר דָבוּק זיין אין באַשעפער, מקיים זיין תּוֹרָה וּמִצְוֹת, און מִתְפַּלֵל זיין און בעטן צום באַשעפער, [אַז] דער באַשעפער זאָל זיך מְרַחֵם זיין, [בעטן] רַחֲמָנוּת און רַחֲמִים.

אָבער קיין "נֶחָמָה" איז נישטאָ, נאָר וואָס "השם יתברך" זאָגט!

שרייט דער פסוק געוואַלד! "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי", נישט אָמַר, [נאָר] "יֹאמַר" אֱלֹקֵיכֶם, זאָלסט וויסן [אַז] 'אַזוי' מוז דאָס זיין, 'נאָר דער בורא כל עולמים' זאָל עס זאָגן.

### קסז

## המשך ישוב הקושיות בתחלת הפרשה

### ישוב קושיא ב-ג

משה רבינו רצה לפעול הגאולה שלימה בימיו, אבל הבין שאף אם יפעול זה, מ"מ לא יאמינו לו ישראל עד שישמעו מפי הקב"ה בעצמו, או עד שיבא להם בנבואה של בחינת "זה הדבר" שתהיה השכינה מדברת מתוך גרונו באופן שיהא רואים את הנשמע

היצט לאָמיר'זשע זען. דאָס איז דער פשט.

משה רבינו, וָאֶתְחַנַּן אֶל ה', ווייל ער האָט געוואָלט ברענגען די גאולה און די ישועה [שכבר יהיה בימיו העולם התיקון] (וכדלעיל אות מא), האָט ער געזאָגט ["לֵאמֹר"], האָט ער דאָס פאַרשטאַנען [אַז אויב] ער וועט פשוט גיין זאָגן, זיי דערציילן מעשיות פון די גאולה, דאָס טאָר מען נישט, דאָס מוז "השם יתברך" זאָגן, ס'מוז זיין יֹאמַר "אֱלֹקֵיכֶם".

איבערדעם זאָגט ער וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא "לֵאמֹר", [ופירש"י שאמר להקב"ה הֲשִׁיבֵנִי אם אתה מקבל דְבָרַי, [שאמר לו משה] אפילו איך וועל עס דאָ אויסרעכענען [על ידי שתהיה תפלתו שגורה בפי (עיין קושיא ג), אַז] דו וועסט מקבל זיין דְבָרַי, איז נישט גענוג איך זאָל קומען צו אידן מיט בחינת "כֹּה אָמַר ה'" זאָגן, [רק צריך שאבוא בבחינת "זה הדבר" שתהיה השכינה מדברת מתוך גרוני[כט], באופן שיהא רואים את הנשמע]. וואָרן דאָס דאַרף מען נישט גלייבן, און דאָס טוט מען נישט גלייבן. ביי די 'גאולה' [השלימה] טאָר מען קיינעם נישט גלייבן, נאָר וואָס מ'הערט פון הקדוש ברוך הוא.

דאָס איז דער "לֵאמֹר".

### קסח

ולכן אמר וָאֶתְחַנַּן בָּעֵת הַהִוא "לֵאמֹר", ופירש"י שביקש מהקב"ה שהוא בעצמו "יאמר" אם יקבל תפילתו

איבערדעם האָט ער געזאָגט וָאֶתְחַנַּן בָּעֵת הַהִוא ["לֵאמֹר"], זאָגט רש"י **השיבני** [אם אתה ממלא שאלתי], דו מוזט מיר ענטפערן אויף דעם, [ואמר בלשון] **איני מניחך** [עד שתודיעני, דהכוונה] איך קען דאָס נישט אָפּלאָזן אַנדערש.

[וואָרן] אפילו איך וועל אויפטון, אפילו איך וועל פועל'ן די גאולה, [אָבער ווען] איך וועל קומען צו אידן זאָגן אַז ס'איז הִגִּיעַ עֵת דוֹדִים, איז דאָס אויך גאָרנישט [מה שאני אומר בעצמי], נאָר טאַקע נאָר "לֵאמֹר", 'דו' מוזט עס זאָגן, אַזוי ווי ס'שטייט דאָ אין מדרש "אני" **ואתם נלך**, 'איך' וועל מיטגיין, [דהיינו שיהיה נבואתם באופן של 'שכינה מדברת' מתוך גרונם (וכדלעיל אות קסב)].

---

[כט] וכמבואר בישמח משה ריש פרשת מטות, החילוק בין בחינת כֹּה אָמַר ה', לבחינת זֶה הַדָּבָר, עיי"ש באורך.

KolSatmar.com

### קסט
### התחלת ישוב קושיא ד

וכן יתפרש מה שאמרו בהמדרש, לאמר "לדורות" שיהיו מתפללין בעת צרתם. כי משה רבינו היה יכול לעשות פעולות שונות להגאולה, אבל לא עשה כן, רק התפלל בתפילות ותחנונים, וזהו הוראה לדורות כי בענין הגאולה אין לעשות שום פעולה לזה בידים רק להרבות בתפילות ותחנונים לבד

**אין איינוועגס איז טאַקע דעס דער פשט, וואָס דער מדרש זאָגט** [לֵאמֹר "לדורות", שיהיו מתפללין בעת צרתן], **דאָס ליגט אויך אין דעם "לֵאמֹר", אַז זיי זאָלן מתפלל זיין.**

**פאַרוואָס, וואָרן משה רבינו האָט געקאָנט טון 'געוואַלד' זאַכן**[ל]**, ער האָט דעם שֵׁם הַמְפוֹרָשׁ געקאָנט זאָגן, ער האָט געקאָנט טון. פונדעסטוועגן ער האָט נאָר מיט "תפילה ותחנונים"** [מעורר געווען על הגאולה][לא]**,** [כאָטש] **ער האָט געזען דעם גָלוּת מיט די צָרוֹת.** (המשך ענין זה בישוב קושיא ד, באות קעז)

### קעז
### המשך ישוב קושיא ד

וזהו ביאור המדרש לאמר לדורות שיהיו "מתפללין" בעת צרתם, דבעת צרת הגלות אין לדחוק את השעה בעשיית שום פעולה להגאולה, רק "להתפלל" לה' ברחמים ותחנונים. וכבר סבלנו די והותר צרות עבור שעברו על זה

**נאָר וואָס איז דער "לֵאמֹר"** [לדורות, שיהיו מתפללין בעת צרתן].

**קען זיין, -** [דעס וואָס] **דער מדרש זאָגט מ'זאָל "מתפלל" זיין, -** [כי שמא] **וועט מען קלערן אַז מ'מעג עפּעס "טון", נאָך "צי טון" דערצו.**

**האָט ער אונז געוויזן** [משה רבינו, לדורות], **אַז ווען מ'שמועסט פון אַ "גאולה", איז נישטאָ עפּעס אַנדערש צו טון, נאָר "לֵאמֹר", נאָר 'תחנונים' פאַר הקב"ה.**

**חס ושלום שלא לדחוק את השעה, וואָס מ'האָט געליטן פון דעם די אַלע ביטערע עונשים** [פון] **אני מתיר את בשרכם** [כצבאות וכאילות השדה] (כתובות קיא.)**, אַזוי ווי די פסוקים זאָגן** (שיר השירים ב, ז. ג, ה) [הִשְׁבַּעְתִּי אֶתְכֶם בְּנוֹת יְרוּשָׁלַםִ בִּצְבָאוֹת אוֹ בְּאַיְלוֹת הַשָּׂדֶה]**.**

**האָט ער געוויזן וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא, האָט ער געוויזן האָט ער אויסגעלערנט** [לדורות, אַז] **ביי "די צרות"** [פון] **עניני הגאולה איז 'נאָר' "לֵאמֹר", 'נאָר' בעטן השם יתברך.** [וכמו שעשה משה רבינו, דאף היה יכול להשתמש בשם המפורש ובפעולות הכרחיות, לא עשה שום פעולה להגאולה, אלא רק מה "שהתחנן" אל ה' (וכדלעיל אות קסט)].

### קעח

**און ווען די צייט וועט קומען** [יתקיים "לאמר" שהקב"ה בעצמו יאמר בשורת הגאולה], **זענען דיביידע אופנים פון "לֵאמֹר" זענען פאַרענטפערט, הן דעס וואָס רש"י זאָגט** [איני מניחך עד שתודיעני] (וכדלעיל אות קסח)**, און** [הן] **דעס וואָס דער מדרש זאָגט** [לאמר לדורות שיהיו מתפללין בעת צרה]**, אַז נאָר "לֵאמֹר"** [בתפילה ותחנונים, עי"ז יכולין להביא הגאולה, ולא בשום פעולות בשר ודם]**. און דעמאָלטס וועט מען וויסן** [שהוא גאולה האמיתית]**, אַז ס'וועט זיין "לֵאמֹר" פון הקדוש ברוך הוא** (וכמו שביארנו לפירוש רש"י)**. די ביידע פשטים, זענען די ביידע אמיתיים, וואָס ער האָט אונז געוויזן דאָ אָט.**

---

[ל] עיין **ויואל משה** (מאמר א, סימן כט וסימן עט).

[לא] עיין בחינה זו באורך בס"ג ואתחנן תשכ"ב, וע"ע בס"ג תשכ"ז, **ובדברי יואל תנינא** (ואתחנן עמוד קנג, קסח, קעח).

KolSatmar.com

**קעט**
**ישוב קושיא טו**

בדורות הגלות, כשעברו בעוה"ר על איסור דחיקת הקץ, היה בזה צער גדול להכשרים שבישראל "בעולם הזה", וגם להנשמות "שבעולם הבא". ועל כן כשיבא זמן הגאולה האמתית שהקב"ה בעצמו יאמר נחמו נחמו עמי, אז יתנחמו החיים והמתים, העליונים והתחתונים, בעולם הזה ובעולם הבא

סקאָן זיין [דזהו הכוונה בדברי הילקוט שבקושיא טו].

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן ס'זאָל טאַקע זיין "יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם", און "נַחֲמוּ נַחֲמוּ" [בכפל לשון], דעמאָלטס וועט זיין **נחמות עליונים ונחמות תחתונים**, ווי ער רעכנט אויס [עוד בילקוט, נֶחָמוֹת חַיִּים וְנֶחָמוֹת מֵתִים נֶחָמוֹת עוֹלָם הַזֶּה וְנֶחָמוֹת עוֹלָם הַבָּא].

[והכוונה לאפוקי מן] דעס וואָס מ'גיט דאָרטן 'נחמות' נעבעך פאַר 'שפלים ובזויים', [שהם מתפתחים בנחמות של שוא כמו שאירע בדורינו]. **אָבער אַן 'ערליכער איד' איז בְּצַעַר וּבְיָגוֹן** ['בעולם הזה' מן 'נחמות' כאלו שאומרין כהיום, ואדרבה] **נִשְׁפַּךְ לִבּוֹ כַּמַּיִם**, [וועןֹ] **מ'קוקט אָן דאָס שִׁפְלוּת, דעם מַעֲמַד פון אידישקייט, וויאַזוי מ'פאַלט אַראָפּ.**

און די וואָס זענען "בעולם העליון" [הם גם כן בצער על זה, וכן] די אַלע גלגולים די אַלע וואָס זיי קומען אַראָפּ נאָכאַמאָל.

[ולכן אמרו דלעתיד לבא כשיהיה הנחמה האמיתית אז יתנחמו **העליונים והתחתונים**, ויתנחמו **החיים והמתים**, ותהיה הנחמה **בעולם הזה ובעולם הבא**].

**קפט**

## ברכת הקודש

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן:

נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר "אֱלֹקֵיכֶם", דער בורא כל עולמים זאָל זאָגן.

בקרב זאָל מען זוכה זיין צו זען בנחמת ציון וירושלים, בקדושה וטהרה.

מ'זאָל במהרה זוכה זיין מ'זאָל מיר דערלעבן, מ'זאָל מיר דערלעבן צו זען די ישועה.

וְיַשְׁמִיעֵנוּ בְּרַחֲמָיו טאַקע "לְעֵינֵי" כָּל חַי לֵאמֹר (וכדלעיל אות קנו-קסא), לעיני כל חי, מ'זאָל מיר זוכה זיין צו זען מיט די אויגן, יִרְאוּ עֵינֵינוּ וְיִשְׂמַח לִבֵּנוּ.

מ'זאָל במהרה זוכה זיין מ'זאָל נִתְנַחֵם ווערן.

מ'זאָל די זכיה האָבן צו דינען דעם באַשעפער באמת ובלב שלם, בקדושה וטהרה.

וְנָס יָגוֹן וַאֲנָחָה (ע"פ ישעי' לה, י).

ס'זאָל דערלייכט ווערן אידישע אויגן, מ'זאָל מיר זען דעם אמת.

בכל פעולה ופעולה זאָל מיר טון דעם רצון הבורא ברוך הוא.

מ'זאָל מיר זען די שמחה, יִשְׂמְחוּ הַשָּׁמַיִם וְתָגֵל הָאָרֶץ, די שמחה אמיתיית, בהתרוממות קרן התורה וישראל ובהתגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן.

KolSatmar.com